STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07328

KUBI VOHL, DER METEOR

Kubi Wohl

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קובי וואהל-
דער מעטעאר

קובי וואָהל
Kubi Wohl

KUBI WOHL
DER METEOR

קובי וואָהל
דער מעטעאָר

הילע געצייכנט פון איזיו שערף
Hülle: Isiu Schärf

©
Klara Wohl,
Haifa, 6, Haneviimstreet

Printed in Israel 1980

נדפס בישראל תשמ״א

דפוס „אור״ בע״מ, תל־אביב, שדרות הר־ציון 104, טל. 822481.

זכרונות

אָפּשאַצונגען

לידער

בריוו

אינהאַלט:

	זייט
יצחק פאַנער — וועגן קובי וואָהל	9
אליעזר פּאָדריאַטשיק — דער מעטעאָר	13
מאָטל סאַקציער — דער אָדלער	19
פריד־ווייניגער — מיין באַגעגעניש מיט קובי וואָהל	30
יאַנקל יאַקיר — קובי וואָהל	40
יוליאַן שוואַרץ — קערנדיקייט און אימאַזש	45
יעקב פרידמאַן — אַ לבנה־נאַכט אין מיין היים	53
ווערא האַקען — פיר זומערן מיט קובי וואָהל	55
י. פאַנער — וועגן קובי וואָהל	69
י. קאַראָ (שוואַרץ) — קובי וואָהל	72
קלאַראַ וואָהל — דאָס וואָרט פון אַ שוועסטער	74

לידער

דער הונגער	83
אַספאַלט	84
די רעכטע האַנט	85
אויגוסט 1914	87
מאַסנקברים	89
ראַסטקאָפּ־פּאַטענט	93
קויל־צייכענונגען / אַרבעטסלאָז	96
צו דער פאַבריק	97
האַריאַ	99
פינאַל	101
קוילן	103
אַנרי באַרביס	104
כ'האָב נישט ליב קיין הייסע פרויענליפּן	106
גיטאַרע	107
ווערטער אין אַ שוואַרצער ראַם	109
באַריכט פון קובי וואָהלס לוויה	111
ווערטער אין אַ שוואַרצער ראַם	109

דער געדאַנק צונויפצוזאַמלען און אַרויסלאָזן אַ בוך פון קובי וואָהלס ליטעראַרישער ירושה איז אויפגעקומען אויף די אָוונטן אין תל־אביב, חיפה, געווידמעט זיין אָנדענק, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ באַזונדערן אינטערעס ביי די צוהערער. נישט ווייניק צייט און מי האָט זיך געפאָדערט אויסזוכן אַלע מאַטעריאַלן אין די ביבליאָטעקן פון פאַרשיידענע לענדער (ישראל, רומעניע, אַמעריקע, דייטשלאַנד). אין דעם האָט אַ סך אויפגעטאָן דער פובליציסט און קולטור־טוער יעקב שאַיאָוויטש.

אין דעם בוך זענען אַריינגענומען כמעט אַלע דייטשע און יידישע לידער פון קובי וואָהל ע״ה, ווי אויך די יידישע איבערזעצונגען פון זיינע דייטשע לידער, וואָס ס'האָט בשעתו געמאַכט יצחק פאַנער ז״ל. אַ גאַנץ רענצל מיט כתב ידן איז פאַרלאָרן געגאַנגען אין די מלחמה־יאָרן.

אַ באַזונדערן אינטערעס שטעלן מיט זיך פאָר קובי וואָהלס בריוו צו דעם דייטש־יידישן שרייבער אַלפרעד־מאַרגול שפערבער, וואָס דער אין בוקאַרעשט לעבנדיקער דיכטער אַלפרעד קיטנער האָט אין יאָר 1978 פאַרעפנטלעכט אין דער דאָרט דערשיינענדיקער דייטשער צייט־שריפט „נייע ליטעראַטור". די דאָזיקע בריוו אַזוי ווי קיטנערס הקדמה צו זיי, דריקן מיר איבער אין דער זאַמלונג. נישט אויסגעשלאָסן אַז אויך ביי אַנדערע, אַמאָליקע בוקאָווינער געפינען זיך בריוו פון קובי וואָהל. נישט גע־קוקט אָבער אויף אַלע אונדזערע באַמיִונגען האָט זיך, צום באַדויערן, נישט איינגעגעבן זיי צו באַקומען.

עס קומט אַ דאַנק אַלע וואָס האָבן געהאָלפן אין צוגרייטן דאָס בוך צום דרוק, באַזונדערס דער פרוי וועראַ האַקען און יענע וואָס האָבן זיך מטפל געווען מיט דעם דייטשן טייל פון בוך.

דאָס בוך דערשיינט אַ דאַנק דער מאָראַלי־שער און מאַטעריעלער הילף פון קוביס איבער־געגעבענער שוועסטער, די פרוי קלאַראַ וואָהל.

יצחק פאַנער

וועגן קובי וואָהל

אין „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור" (19 ניו־יאָרק), איז אין דער קורצער פאַרצייכענונג וועגן דעם יונג פאַר־שטאָרבענעם דיכטער קובי וואָהל אָנגעוויזן, אַז „ער האָט אָנגעהויבן שרייבן יידיש אונטער דעם איינפלוס פון יצחק פאַנער". דער אמת אָבער איז, אַז געשריבן האָט קובי וואָהל אין דייטש, ווייל יידיש האָט ער נישט געקענט און איך האָב אַ גרעסערן טייל פון זיינע לידער איבערזעצט אין יידיש און זיי געלאָזט פאַרעפנטלעכן. אין יידישן אָריגינאַל האָט ער ערשט פאַרן סוף פון זיין יונגן לעבן אָנגעשריבן עטלעכע לידער „דער טויט פון אַנרי באַרביס", „האָריא" א.אַ.

קובי וואָהלס לידער זענען געווען דורכגעדרונגען פון אַן עכטן און טיפן סאָציאַלן פּאַטאָס. זיין רעבעלישער און פלאַמענדיקער פּראָטעסט קעגן יעדער סאָציאַלער און מאָראַלישער אומגערעכטי־קייט, זיין אוממיטלבאַרע עמפינדלעכקייט קעגן דעם אומיושר פון זיין צייט, זענען אויפגענומען געוואָרן פון דער גאַנצער אַוואַנגאַר־דישער יוגנט, ווי אַ קאַמפּרוף. זיין פּאַטעטיש ליד איז בליצשנעל אַריבער די ענגע גרענעצן פון זיין היימלאַנד רומעניע און באַקאַנט געוואָרן אויך אין יידישן אויסלאַנד. איך בין צופרידן וואָס איך בין געווען דער וואָס האָט אַריינגעבראַכט זיינע יונגע דיכטערישע שאַפונ־גען אין דער יידישער ליטעראַטור.

קובי וואָהל האָט זיין קינדהייט פאַרבראַכט אין קימפּולונג, אַ שטעטל וואָס ליגט אין אַ לאַנגן טאָל (פון דאַנען שטאַמט זיין רומענישער נאָמען קימפּו־לונג) אַרומגערינגלט מיט גרינע בערג און געדיכטע, שמעקנדיקע סאָסנע־וועלדער. גרעסערע און קלענערע

קאַסקאַדן רוישן פון די ברג אַראָפּ און ווירקן ווי אַ פּאַסטאָראַלע סימפאָניע.

אין אָט דער געבענטשטער לאַנדשאַפט איז געוואַקסן קובי וואָהל. דאָרט האָט ער אָנגעהויבן שרייבן זיינע לידער. איז טאַקע אַ רעטעניש, דער פּאַראַדאָקס, די קובי וואָהלישע סתירה, וואָס אַנשטאָט פּאַסטאָראַלע ליריק, אַנשטאָט פאַרליבטע ראָמאַנטיש־סענטימענטאַלע אַקאָרדן פאַרקלינגט אין קוביס שאַפונגען ווי אַ לייטמאָטיוו סאָציאַלער פּראָטעסט, ווי למשל אַזוינע שורות אין זיין ליד „הונגער״:

„דו ביסט דער אָרעם וועלכער נעמט אַרום דעם ערדבאַל
און יעדן טראָפּן פרייד פאַרשלינגט״...

מאָדנע איז אויך ביז גאָר דער פאַקט, אַז דאָס סטיכיש־פּאָעטישע געזאַנג האָט אַרויסגעקלונגען פון אַ דיכטער, וועלכער איז אויפגעוואַקסן אין אַ פאַרמעגלעכער שטוב ווו ער האָט קיין נויט נישט געליטן. קוביס יונגע נשמה האָט געאָטעמט מיט אייביק ליריש־סענטימענטאַלער צאַרטקייט. מיט זיין שיינעם קול פלעגט ער אָפט זינגען סערענאַדעס און ליבע־לידער און זיך אַליין באַגלייטן מיט זיין גיטאַרע, בעת די דיכטערישע פּען זיינע האָט אויסגעהאַמערט דעם רוף פון זיין וועלט־געוויסן.

אין דער צייט ווען איך האָב צום ערשטן מאָל מיך באַקענט מיט זיינע לידער וועגן דער נאַטור וואָס האָט אים אַרומגערינגלט אין וועלכער איך אליין בין געווען פאַרליבט, האָב איך געזוכט צו געפינען ביי אים כאָטש איין ריין ליריש ליד. סוף־סוף האָב איך אַזאַ ליד געפונען; אָבער דאָס ליד איז נישט געווען אַ ליריש־זוניק ליד, עס איז געווען אַ מעמענטאָ מאָרי־שטימונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די שורות:

ס'איז באַלד צו ענד, פאַרלעשט די לאָמפּן
און דאָס פענצטער פאַרהענגט,

זאַל דער שונא נישט מיט זשעדנע בליקן
זיך מיט יונגען אַדלערס שטאַרבן קוויקן...

דאָס איז געווען זיין לעצט ליד.

☆

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט קובין איז פאָרגעקומען אין יאָר 1932. קומענדיק פון טשערנאָוויץ אַהיים קיין קימפּולונג אויף אורלויב, האָט מיך מיין ברודער מענדל לאַכנדיק געוואָרנט, אַז אַ יונגער צעפּאַטלטער מאָדנער פּאָעט זוכט מיך מיט ליכט. איז ווי גאָט איז מיר ליב, טאָמער וויל איך האָבן אַ רויקן אורלויב, זאָל איך מיך אויסהיטן פון דעם דאָזיקן הויכן בחור, וואָס וויל מיר פירלייענען אויף מבינות אַ גאַנצן פּאַק מיט לידער.

דער פּאָעט מיט דער צעפּאַטלטער טשופרינע און מיטן פּאַק לידער אונטערן אָרעם, איז אָבער געווען שטאַרקער פון מיין ברודער און פון מיר. שוין דעם צווייטן טאָג האָט ער מיך דערטאַפּט, מיך צוגעשטעלט צו דער וואַנט און — „דאַוואַי" פירלייענען. איך האָב אים אָבער איבערגעריסן און קאַטעגאָריש געזאָגט, אַז אויב לייענען וויל איך אַליין, און מיין מיינונג זאָל ער קומען הערן אין אַ וואָך אַרום.

אין אַ וואָך אַרום איז ער קוים אַ לעבעדיקער געקומען צו לויפן און אַ שטומער געקוקט אויף מיר ווי אַ באַשולדיקטער קוקט אויפן ריכטער, וואַרטנדיק אויפן משפט: „זיין אָדער נישט זיין". שטאָט אַן ענטפער האָב איך אַרויסגענומען אַ באַשריבן בלאַט און שטאָט ער זאָל מיר פאָרלייענען זיינס אַ ליד אין דייטש, האָב איך אים געלייענט מיין ערשטע איבערזעצונג אין יידיש פון זיין ליד „דער הונגער". איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן זיין רעאַגירן אויף מיין אויפטו; ער האָט זיך אומפּעטיק אויף מיר אַרויפגעוואָרפן, מיך אָנגעהויבן קושן און זיינע אויגן זענען געווען נאַס פון טרערן. דערנאָך האָב איך געלייענט מיין צווייטע איבערזעצונג „אויגוסט 1914" און מיין דריטע

איבערזעצונג "מאַסן־קברים". אויב מען קאָן זיך פאָרשטעלן אַ גליק־לעכן מענטשן, האָט מען אין יענעם זומערטאָג געדאַרפט זען דאָס שטראַלנדיקע פנים פון קובי וואָהל.

עס האָט נישט געדויערט קיין חודש און מיינע איבערזעצונגען זענען דערשינען אין דריי צייטונגען: „טשערנאָוויצער בלעטער" „די וואָך" (בוקאַרעשט) און אין סיגעטער „אויפגאַנג". מיינע איבערזע־צונגען פון די לידער „ראָסקאָפ־פאַטענט", „אספאַלט", „פינאַל" א.אַ. זענען דערשינען אין פאַרשיידענע אויסגאַבעס און דער נאָמען קובי וואָהל האָט כמעט איבערנאַכט באַקומען אַ קלאַנג אין דער יידישער דיכטונג.

מיט דער גאַנצער ליידנשאַפט פון זיין שטורמישער נאַטור האָט ער זיך געוואָרפן אויף יידיש, און קורץ פאַר זיין טראַגיש־פריצייטיקן טויט האָט ער פאַרעפנטלעכט לידער וועלכע ער האָט שוין אַליין געשריבן אין יידיש.

מיין טיפע ליבשאַפט צו דעם וווּנדערלעכן מענטשן און דיכטער קובי וואָהל האָט נישט אויפגעהערט מיט זיין אויסהויבן זיין לעצטן לעבנס־אָטעם. נישט זיין יונגע דיכטונג און אויך נישט ער אַליין וועלן ווען־ס׳נישט איז פאַרבלייבן אין מיין האַרץ און אין מיין זכרון.

היינט, דריי און פערציק יאָר נאָך זיין פטירה, אַז איך לייען אַמאָל לידער פון זיין קיין מאָל נישט עלטער געוואָרענער פעדער, באַפאַלט מיך אַ טיפער ווייטיק. אַ ווייטיק וואָס ווינט אַרויס פון מיין זיכרון וויסן, אַז וואָלט ער ווייטער געלעבט, וואָלט אונדזער דיכטונג רייכער געוואָרן מיט אַ גרויסן און אייגנאַרטיקן דיכטער.

רמת־גן, נאָוועמבער 1978

ל. פאַדריאַטשיק

דער מעטעאָר

צופוסנס פון אַ באַרג אויף וועלכן עס האָט זיך הדרתדיק אַוועקגעלייגט דער וואַלד „דעאַ" — געפינט זיך דאָס דרום־בוקאָ־ווינער שטעטל — קימפולונג. פון דאָרט האָט צוריק מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט קובי וואָהל אַרויסגעשאַלט צו דער גרויסער וועלט זיינע ערשטע הילכיקע פּאָעטישע פּרוּוון אין דער דייטשער שפּראַך.



קובי אַלס קינד
Kubi Wohl als Kind

דער גורל האָט אים נישט באַשערט קיין לאַנגע יאָר; קורץ איז געווען זיין לעבן — 24 יאָר. נאָך קירצער זיין שעפערישער וועג — אינגאַנצן 2 — 3 יאָר. אָבער, דאָס ווייניקע וואָס ער האָט באַוויזן צו שאַפן און פובליקירן האָט געמאַכט אַ רושם און אַרויסגערופן אויפמערקזאַמקייט אין די ליטעראַטור קרייזן פון יענער צייט.

שוין אין קובי וואָהלס ערשטע געדרוקטע לידער (אין דער יידישער איבערזעצונג פון י. פּאַנער) האָבן זיך אָנגעמערקט בולטע סימנים פון זיין פּאָעטישן טעמפּעראַמענט, וואָס איז באַשטאַנען אין דעמאַסקירן די קאָנווענציאָנעלע עטיק און פּאַטעטיש באַזינגען דעם גערעאַנגל פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער גערעכטיקייט.

קובי וואָהל האָט באַנעמען דיכטונג ווי אַ שלאַכט־מיטל אין קאַמף קעגן דעם בייזן און שלעכטן אין דער געזעלשאַפט און די פּאָעטן, ווי אַמאָל די נביאים, די פאָנען־טרעגער פון דעם גערעכטן געראַנגל:

דאָרטן — וווּ סע קרייצן זיך צייטן
שטייען נביאים דערהויבן,
אין איין האַנט דער לייכטנדער פאַקל,
אין צווייטער — די שטאָלענע שווערד. — — —

אין אַ בריוו צו דעם יידיש־דייטשן פּאָעט, אַלפרעד מאַרגול־שפּערבער, האָט דער יונגער קובי פאָרמולירט זיינע פאָרשטעלונגען וועגן דער פּאָעטישער יצירה: „דיכטונג קאָן איך נישט אַנדערש באַנעמען נאָר ווי אַן אויסלייזונג; אַן אויסלייזונג פון אַלץ נישט געזאָגטן און נישט דערזאָגטן; אַן אויסלייזונג פון די ווילד פאַרקראַמפטע בענקשאַפטן אין די טיפענישן פון דער מענטשלעכער מיסטעריע; אַן אויסלייזונג פון די ליידן און ווייען אין דער שטומער נאַטור, און פון דעם פאַרהוילענעם און סודותדיקן אין דער וועלט וואָס רינגלט אונדז אַרום".

קובי וואָהלס לידער פאַרמאָגן אַ באַזונדערן קאָליר. זיי צייכענען

זיך אויס מיט זייער האַמערדיקן ריטם און בונטאַרישן טאָן. ער האָט דערוווּדערט קעגן די, וואָס האָבן באַטראַכט זיינע לידער ווי „פּאָליטישע דיכטונג״: איך קאָן מיר נישט פאָרשטעלן אַ פאַרבינדונג צווישן די צוויי באַגריפן: דיכטונג און פּאָליטיק. איך בין בפירוש באַהערשט פון די אידייען וועגן דער וועלט דערלייזונג. די בענקשאַפט נאָך דערלייזונג האָט אַרויסגעשריען פון זיך שוין דער ערשטער מענטש אין דער וועלט. זי הערט זיך אויך אין דעם עכאָ פון דעם גאַלגן־געלעכטער ביי די מיטלאַלטערלעכע העלדן און מאַרטירער ביז צו די בלוטיק אויסגעשטרעקטע הענט פון דעם פאַרשקלאַפטן און טויזנט מאָל געקרייציקטן מענטשן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

ווי אַ מעטעאָר האָט קובי וואָהל זיך באַוויזן אויף די ליטעראַרישע האָריזאָנטן פון דער בוקאָווינע, שוין אין זיינע ערשטע ליטעראַרישע קנאָספן האָבן זיך אָנגעמרקט דריי כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון זיין אויפגייענדיקן טאַלאַנט: פּאַטאָס, פּאַטעטיק און עקסטאַז. די דאָזיקע פּאַטעטישע אויסדרוק פאָרמען רופן זיך ביי אים ערטערווייז איבער, זיי זענען אָבער נישט הינו הך. פּאַטאָס איז נישט פּאַטעטיק און באַטייט אַוודאי נישט באַנוצן זיך מיט שטאַרקע ווערטער. הויכע קלאַנגען און שרייענדיקע פאַרבן. אויך שוויגן פאַרמאָגט אין זיך פּאַטאָס. קינסטלערישער פּאַטאָס מאַלט זיך מיר שטענדיק ווערטיקאַל. אויך קוביס גייסטיקער פּאָרטרעט מאָלט זיך אין מיין דמיון און זכרון אויס ווערטיקאַל; ווי ער וואָלט זיך געצויגן אַלץ העכער און העכער צו די הימלען. אפילו זיין פיזישער שטעל און אויסזען האָט אויסגעזען שלאַנק ווי אַן אויסגעצויגענע גאָטישע געשטאַלט.

קובי וואָהלס נטיה צו פּאַטעטישע עקספּרעסיעס דערמאָנט אין געוויסע הינזיכטן דעם טראַגיש יונג אומגעקומענעם דייטשן פּאָעט געאָרג טראַקל. ביי ביידע דיכטער איז פאַראַן אַן ענלעכע גייסטיקע מענטאַליטעט, זיי רופן זיך אויך איבער אין זייערע וועלט שפּירונגען וועגן דער עלנטקייט פון דעם מענטשן און פון דער נאַטור. דער עכאָ פון טראַקלס דיכטן הערט זיך גוט אין קובי וואָהלס דאכטן. צי איז דאָס געווען אַ רעזולטאַט פון דירעקטע השפּעות? נישט אויסגעשלאָסן.

נאָר גיכערשט פון אַלעמען איז דאָס, דאַכט זיך, אַ רעזולטאַט פון דעם „צייטגייסט״, וואָס באַקומט ענלעכן אויסדרוק ביי שעפער פון פאַרשיידענע גייסטיקע ספערן און סביבות.

אין אַ בריוו צו א. מאַרגול־שפערבער שרייבט קובי וואָהל: „שמערצלעך איבערלעב איך די שרעקן פון דער וועלט בעת אַנדערע איבערלעבן די שיינקייטן פון דער זעלבער וועלט. דאָס מאַכט מיך נאָר אַנדערש, אָבער נישט מינדער. אויף וויפל אַנדערש וועלן עס שוין מיינע ביאָגראַפן באַשרייבן (אויב זיי וועלן באַשרייבן).

צו וועלכער ליטעראַטור געהערט קובי וואָהל? — ווי באַוווּסט האָט ער דעם גרעסטן טייל פון זיינע לידער געשריבן אין דייטש. כדי אין אַ פולער מאָס באַנעמען זיינע פּאָעטישע נטיות דאַרף מען נישט פאַרזען די יידיש־דייטשע שרייבער פון דער בוקאָווינע צווישן ביידע וועלט מלחמות אין וועמענס סביבה קובי וואָהל האָט געלעבט און געשאַפן און אונטער וועמענס איינפלוס עס האָט זיך אויסגעשטאַלטיקט זיין פּאָעטישע אינדיווידואַליטעט. די דאָזיקע שרייבער קאָן מען איינטיילן אין דריי דורות, דריי גייסטיקע מעדיומס. צו דעם ערשטן געהערן די דיכטער און איבערזעצער איזאַק שטערן און אַלפרעד שפערבער. צום צווייטן — ראָזע אויסלענדער און אַלפרעד קיטנער און צום דריטן עמנואל וויסגלאַס, אַלפרעד גאָנג און דער מערקווירדיקער פּאול צעלאַן. דער דיכטערישער געבורט פון דער לעצטער, דריטער גרופּע, איז געווען שוין נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה. יעדער איינער פון זיי האָט דורכגעמאַכט דעם דערנער וועג פון די נאַציסטישע געטאָס און קאָנצלאַגערן. דאָס האָט זיי אָבער נישט געשטערט זיך באַהעפטן מיט דער דייטשער שפּראַך און מיט איר פאַרבינדן זייער שעפערישן גורל.

קובי וואָהל געהערט כראָנאָלאָגיש צו דער צווייטער גרופּע. נישט קוקנדיק אָבער אויף דעם וואָס אַ טייל פון זיין ליטעראַרישער עיזבון איז אין דייטש, געהערט ער מער דער יידישער ליטעראַטור. ערשטנס ווייל ער אַליין האָט עס באַגערט; ער האָט זיך אַקטיוו באַהעפט מיט דער אידייען־וועלט און מיט די ווערטן פון דער

יידישער ליטעראַטור און אפילו באַוויזן אָנהייבן שאַפן יידיש. אין דער בלאָסער קולטור ספערע פון דער דעמאָלטיקער טשערנאָוויצער יידישער אינטעליגענץ, מיט איר נעגאַטיווער באַציונג צו יידיש און יידישער קולטור, איז דאָס געווען נישט קיין געוויינטלעכע דערשיינונג. אפילו פאול צעלאן דער באַדייטנדיקסטער פון די פריער דערמאָנטע יידיש דייטשע שרייבער אין דער בוקאָווינע, אפילו ער האָט געהאַלטן אַז יידן האָבן זייער קולטור געבאָרגט פון דער פרעמד. אין זיין איין־און־איינציקן פראָזע ווערק „דאָס געשפרעך אין די בערג", אין וועלכן די גרונט טעמע איז דער עצם וועזן פון זיין אַ ייד, זיינען פאַראַן אַזעלכע שורות: „דער ייד — דו ווייסט עס — וואָס האָט ער שוין. וואָס עס געהערט באמת און ווירקלעך אים און וואָס עס איז נישט געבאָרגן, נישט אַנטליען און נישט אָפּגעגעבן...".

קובי וואָהל האָט געאַנט וועגן גאָר עפּעס אַנדערש. ער האָט געוווּסט אַז יידן זיינען נישט קיין ממזרים פון דער געשיכטע, אַז זיי פאַרמאָגן אייגענע, נישט קיין געבאָרגטע און נישט קיין אַנטליענע, גייסטיקע אוצרות; אַז זיי פאַרמאָגן אַ קולטור־פאַרמעג אָן וועלכן עס איז זיך שווער פאַרצושטעלן דעם אויסזען, דעם גאַנג און געשטאַלט פון דער אַלגעמיינער וועלט־קולטור. און קובי וואָהל איז דערצו דערגאַנגען גראָד אין דער צייט ווען די יידיש־דייטשע בוקאָווינע איז געווען פאַרכאַפּט פון אַ קאַרל קראַוס קולט; אין אַ צייט ווען קאָנסטאַנטין ברונער האָט באַהערשט זייערע מוחות. נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס ביידע, קראַוס און ברונער, זיינען געווען אָנגעשטעקט מיט מיקראָבן פון יודאָפאָביע און אַנטי־ציוניזם.

קאָנסטאַנטין ברונער האָט אויך געהאַט אַן עקל באַציונג צו יידיש־שאַפן: „די יידיש ריידנדיקע יידן שאַפן דורכאויס דיכטונגען פון ווייניק ריין וואַסער געמישט מיט אַ פּאָר טרערן. זיי האָבן גאָרנישט צו זאָגן אין זייער זשאַרגאָן... זייער יידישדייטש, אַ רויער מישמאַש פון דער דייטשער שפּראַך מיט אַ פרעמדער שפּראַך, איז דער מיגל־דיקסטער געמיש וואָס דאָס מענטשלעכע מויל קאָן אַרויסברענגען, און אַך און ווי — דעם דאָזיקן וואָקאַלן אויסבייט"... („פאָן דען

פליכטן דער יודען און דען פליכטן דעם סטאַאַטעס״, בערלין 1930, ז׳ 35).

איך האָב דערמאָנט אין קאָנסטאַנטין ברונערס מעלה־גרהדיקע מיגל־ווערטער צוליב צוויי טעמים: ערשטנס מרמז זיין אויף דעם מאָדנעם קוריאָז וואָס ק. ברונער, אין וועמענס ברונעם עס איז פאַראַן עיפּושדיק וואָסער פון יידישן זעלבסטהאָס און זעלבסטפאַרטיליקונג, שיער נישט אין גייסט פון נאַציסטישן משוגעים־הויז, גראָד ער איז געווען דער געץ פאַר דער יידיש־דייטשער אינטעליגענץ אין דער בוקאָווינע. והשנית שטרייכט עס בולטער אונטער דעם באַדייט פון קובי וואָהלס אָפּגאַנג פון דער דאָזיקער סביבה, זיין פאַרבינדן זיך מיט דער יידישער פאָלקס־שפּראַך און מיט דער יידישער פאָלקס־קולטור.

קובי וואָהל האָט זיך געצויגן צו יידישקייט. פאַר אים איז זי נישט געווען קיין „מיגלדיקער און רויער מישמאַש״, נאָר אַ וויטאַלער קוואַל פון דעם פאָלקס שעפערישקייט. ער האָט נישט נאָר געשטרעבט צו דערקענען דעם פענאָמען וואָס הייסט יידישע קולטור, נאָר אויך געטרוימט ווערן איינער פון אירע שאַפער און בויער. דערפאַר געדענקען מיר אים, דערפאַר דערמאָנען מיר אים צום גוטן.

מאָטל סאַקציער

דער אָדלער

ווען איר טראַכט פון קובי וואָהל וואָס האָט מעטעאָריש אַ בליץ געטאָן אין אונדזער ליטעראַרישן הימל און איז באַלד פאַרשוווּנדן — אַ פאַרשניטענער פון אַ גאַלאַפּירנדיקער שלאָפקייט, מוז איך דערמאָנען די דרייסיקער יאָרן, דאָס גאַנצע יאָרצענדליק פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאָס איז געווען אַ גאָלדענע, ראָמאַנטיש־דערהויבענע דעקאַדע פאַר דעם ליטעראַרישן שאַפן אין גרויס־רומענישן מלכות; דאָס איז געווען, אַ מיט גרויסן אימפּעט, שטורעמדיק־צעבליטע תקופה; אַ פרילינג־דערוואַכן פול מיט געדרענג און געזשום פון אַלערליי זיך איבערמישנדיקע קולות, און ער האָט געטראָגן, דער דאָזיקער פרילינג, די בשורה פון פּאָעטישער שפּע, וואָס וועט זיך אויסצייטיקן מיט דער צייט, און אויך די בשורה פון נייע אידעען.

„פונעם דנעסטער ביז דער טיסע״, ווי עס זינגט זיך אין באַקאַנטן רומענישן ליד, — פון באַסאַראַביע ביז אַריבער די גרין־באַוועלדערטע קאַרפּאַטן, האָט די אויפגעוועקטע יוגנט פּלוצעם זיך געמאָלדן צום וואָרט: הנני. מאַכט אַ וואַרע. מיר האָבן אויך עפּעס צו זאָגן!...

אין יענע אָנהייב־דרייסיקער יאָרן, ביז וואַנען דער זון פון זיין עקסצעלענץ דעם שניידער, דער פּרעכטיקער וואַגאַבונד, האָט זיך נישט אַרויסגעלאָזט אויף דער וועלט, וואָס האָט מען געוווּסט וועגן דער יידיש־שאַפנדיקער רומעניע? רומעניע איז געווען אַ טערראַ אינקאָגניטאַ. אַן אומבאַקאַנטע מלוכה פון יענער זייט הרי חושך. די יידיש־שרייבנדיקע גרופּע — כמעט אומבאַוווּסט. מ׳האָט זיי געקענט איבערציילן אויף די פינגער פון איין האַנט. אָבער דערפאַר

אַ מעכטיקע גרופּע. אליעזר שטיינבאַרג, יעקב שטערנבערג, משה אַלטמאַן, יעקב גראָפּער, שלמה ביקל. דאָס איז געווען אַן ערנסטע, אינטעלעקטועל און קינסטלעריש סאָלידע שרייבער־גרופּע וואָס זי איז געשטאַנען נישט קוקנדיק אויף דער אָפּגעזונדערטקייט אין אַ זייט, אַויף יענער וווּנדערלעכער הייך אויף וועלכער ס'האָט דער־גרייכט די יידישע ליטעראַטור אין דער וועלט.

און פּלוצעם — אַן אינוואַזיע פון יונגע זינגער און דערציילער־טאַלאַנטן. די וועלט האָט אָנגעשפּיצט די אויערן צו דער אויפגע־וואַכטער יידיש־רומעניע. די יוגנט האָט געשפּאַנט פון אומעטום מיט אַ דראַנג, אַ ברענען פון אומגעדולד צו געבן אַ קינסטלערישן אויס־דרוק אירע שטרעבונגען און חלומות, מיט אַ ווילן צו באַשטעטיקן זיך.

קומענדיק פון דער שטעטלשער סביבה, און באַווירקט פון קעגנ־געזעצטע אָביעקטיווע היסטאָרישע געשעענישן פון נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן כאַראַקטער, האָט ווער אין די ראַמען פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג געזוכט אַ לייזונג און אַ פּתרון צו זיינע יידיש־מענטשלעכע פּראָבלעמען, און ווער אין דרויסן, אויסער די ראַמען, אָבער ביידע זענען געווען באַוויזן פונעם ווילן צו געבן דעם אייגענעם נאַציאָ־נאַלן אינהאַלט, אויך פון געטריישאַפט צום דויערנדיקן גייסטיקן מהות פונעם פאָלק, פון זאָרג פאַר זיין המשכיות, ווייל יעדער פון זיי האָט, ווי דער באַוווסטער דיכטער אפרים אויערבאַך האָט אַמאָל געזאָגט וועגן זיך:

> יידישקייט אַ טרונק געטאָן מיט יונגע ליפּן
> און זיך פאַרכלינעט פונעם אותיות־געטראַנק.

דאָס איז געווען אַ יוגנט וואָס איז געקומען פון דער שולבאַנק, פון די וואַרשטאַטן, און אויך פון דער ישיבה. זיי זענען פאַרלאָקט געוואָרן נישט אַזוי פון רום־תאווה, ווי פונעם ווונדער פון יצירה.

פון באַסאַראַבער שטעטל בריטשאַן האָט זיך דערהערט דאָס פּק־חותדיקע קול פון יאָסל לערנער, וואָס האָט געשפּונען מיט פאָלקס־

טימלעכער חכמה פילאָזאָפישע פּערזן אָנגעזאַפּטע און באַהויכטע מיט אַ דין־ליריש, צניעותדיקן חן. זיין בן־עיר יוסף טראַכטנבערג האָט פונאַנדערגעוויקלט אַ גרויסע לייוונט און אין ברייט־שורהדיקע פּאָעמעס געשילדערט אין עפּישן טאָן דעם באַסאַראַבער האָרעפּאַשנעם שבט. הערש־לייב קאָזשבער האָט געבראַכט פון בעלץ זיין „קאַזיאָנע גימנאַזיע“, דערציילונגען אין וועלכע די מומחים האָבן געוואָלט זען אַ קרובהשאַפט און די איינפלוסן פון בערגעלסאָנס שרייבערישן נוסח. פון מאַרקולעשט איז געקומען מאיר חרץ מיט שטעטל־שטייגער, טיפּאַזש און באַסאַראַבער לאַנדשאַפט, און פּאַרכלינענדיק זיך אַריינגעזאַפּט אין צאַרטע, מיט בילדערישער ברכה וווילקלינגעוודיקע, אויסגעשליפטע שורות, דעם קאָלאָריט פון זיין היים. פון קאַפּרעשט איז געקומען הערץ ריווקין, אַ בוי־טעכניקער פון פאַך, און ער האָט אַריינגעבראַכט זיין אייגנאַרטיקע בוי־טעמאַטיק, און כאָטש ער האָט געלעבט אין שטאָט און זיך צוגעאייגנט די נייע אורבאַניסטישע מאָטיוון, האָט ער דאָך ניט געקענט אין הו־האַ פון גרויסשטאָט זיך באַפרייען פון די ריחות און קלאַנגען פון „שכנהשן דאָרף“. פון כאָטין איז געקומען אפרים רויטמאַן מיט זיין ליד אין וועלכן ס'האָט זיך צונויפגעגאָסן שטייגער מיט פילאָזאָפישער באַטראַכטונג. פון סאָראָקע האָבן זיך געלאָזט הערן די ברידער שקאָלניק, דער דיכטער צעלמאַן, אָרן אָקנציער האָט געבראַכט „עוונאַגעלישע מאָטיוון וואָס איז געווען אַ מין אַנאַכראָניזם אין מיטן פון אַ רעוואָלוציאָנער און מאַטעריאַליסטיש דענקנדיקן יונגוואַרג. אין זגוריצע דערציילט יחיאל פּריזמאַן אויס די בענקשאַפטן און חלומות פון קליינבירגערלעכן שיכט, יחיאל שרייבמאַן פון וואַדראַשקאָוו ווענדט זיך צו דער טעמע פון רעוואָלוציאָנערן אונטערערד, און דער פּערליצער יאַנקל יאַקיר שרייבט דערציילונגען, לידער אָפּשאַצונגען פון ביכער אָבער זיין זשאַנער האָט זיך נאָך דעמאָלט ענדגילטיק נישט באַשטימט.

אַ שלל מיט חנוודיקע נעמען. זיי האָבן גענומען אַרויספינקלען פון אַלע זשורנאַלעכלעך וועלכע האָבן אָנגעהויבן דערשיינען אַפילו

אין סיגעט. פֿאַרשאַרנדיק די פּאהלער און באַהאַלטנדיק די ארבע כנפות האָבן אין דעם כּאַר אַריינגעזינגען בערל שנאַבעל און יחזקאל רינג, פֿון יאַס איז געקומען צו פֿליען דער עקספּאַנסיווער חיים ראַבינזאָן. מעסאַזשן זענען געפֿלויגן פֿון אַלע פֿאַרשטויסענע ווינ־קעלער, הויפּטזאַכלעך פֿון באַסאַראַביע, די גרעסטע צושטעלערין פֿון יונגע טאַלאַנטן.

ס׳האָט זיך גענומען אויפֿורעמען יונג־רומעניע. אַ טייל פֿון דער גרופּע איז זיך צונויפגעפֿלויגן אין בוקאַרעשט ווו זיי האָבן זיך צו־געטוליעט צום דאָרטיקן עלטערן שרייבערס־דריילינג: יעקב שטערנ־בערג, משה אַלטמאַן, שלמה ביקל. אַ צווייטער טייל האָט באַפעל־קערט טשערנאָוויץ וווּהין ס׳האָט זיי געצויגן מאַגנעטיש די זיו השכינה פֿונעם משלים־דיכטער אליעזר שטיינבאַרג וועלכער איז באַליבט און פֿאַרערט געווען אין אַלע קרייזן און צו זיין אָנהויב האָט זיך געבונדן די קולטור־טראַדיציע אין רומעניע וואָס די תלמי־דים זיינע און נאָכפֿאָלגער האָבן ממשיך געווען און ווייטער אַנט־וויקלט.

אין דער דאָזיקער שטאָט אין וועלכער ס׳האָט אַרומגעפֿלאַ־טערט דער גייסט פֿון דער ערשטער שפּראַך־קאָנפֿערענץ האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן טאַלאַנטן וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער פּובליציסטיק מיט אַ וויסנשאַפֿטלעכן אָפּנויג אין דער זייט פֿון שפּראַך, ליטעראַטור־פֿאָרשונג און עסטעטיק. דאָס זענען געווען די יונגע חיים גינינגער, די ברידער סעגאַל, איציק שוואַרץ־קאַראַ און אילעזר פּאַדריאַטשיק וועלכער האָט שוין דעמאָלט אַרויסגעוויזן אַ נייגער צום גייסטיקן עבר, אַ לײדנשאַפֿט צו ליטעראַרישער אַרכעאָלאָגיע, און געמאַכט די ערשטע פּרוּוון פֿון ליטעראַטור־פֿאָרשערישער טע־טיקייט, אַ געביט וואָס האָט אים געפֿאַנגען אויפֿן גאַנצן לעבן און ערשט דאָ אין ישראל איז געקומען די קרוינונג פֿון זיין לאַנגיאָריקער מי אין אַ גרויסן בוך ליטעראַרישע פֿאָרשונגען און עסייען „אין פּראָפֿיל פֿון צייטן״.

איך האָב אין גרויסן גאַלאָפּ, פֿאַרביילויפֿנדיק, געוואָרפֿן אַ בליק

צוריק, אויף יענעם ערב מלחמה־יאָרצענדליק, דערמאָנענדיק כמעט אַלע דאַכט זיך, פון דער גרויסער קאַהאָרטע יונגע שרייבערס וואָס מ׳האָט אָנגערופן יונג־רומעניע. בכיוון האָב איך מיר געלאָזט אין אַ זייט די פּאָעטן וואָס בוקאָווינע האָט אויסגעהאָדעוועט און וואָס אויס כבוד צום זכר פון איינעם פון זיי עס ווערן געשריבן די שורות.

✡

דריי זענען זיי געווען אין טשערנאָוויץ. עס זענען פאַרשטייט זיך, געווען דיכטער אויף פאַר זיי, עלטערע, וועלכע האָבן אָבער נישט געהערט צו יונג־רומעניע.

מאַנגערן וועלכער איז געווען מיט אַ צענדליק יאָר יונגער פונעם עלטערן דור, האָט יעקב שטערנבערג באַצייכנט בילדעריש ווי די צווייטע אשמורה אין דער יידיש־שאַפונג אין רומעניע. ווען מיר די באַצייכענונג אָנווענדן אויך צו דער יונג־רומענישער גרופּע ווי די דריטע אשמורה.

דריי זענען זיי געווען, און אויב אַפילו אין טשערנאָוויץ נישט געבאָרענע, באַטראַכטן מיר זיי דאָך ווי אויטאָכטאָנע, אויב נעמען אין אַכט זייער בילדונג און די קולטור־השפעות וואָס זיי האָבן אויס־געפּרוּווט אויף זיך אין דער שטאָט.

זיי זענען געווען באַפריינדעט צווישן זיך פון סאַמע צאַפּלדיקן יינגלשן עלטער: יעקב פרידמאַן, קובי וואַהל און פריד וויינינגער. דריי יונגע פּאָעטן וואָס נישט קוקנדיק אויף זייער יונגקייט, האָבן זיך שוין אָנגעצייכנט די הויפּטשטריכן פון יעדערנס פּנים — זייערע סימפּאַטיעס צו אַ געוויסן אידעישן דרך, זייערע נייגונגען, פּרעדי־לעקציעס אין דער טעמאַטיק, וואָס האָט באַשטימט אויך די פאָרם פון זייער שאַפונג, דער שפּראַכלעכער חומר און די באַזונדערע אינטאָנאַציעס פון יעדן איינעם פון דעם דריילינג.

דער רייפסטער און איינגעוואָרצלטסטער אין יידיש־גייסטיקע טראַדיציעס איז געווען בלויז איינער: יעקב פרידמאַן, און דאָס איז

געוועז נאַטירלעך פאַר אים, ווען מע נעמט אין אַכט זיין יחוס־בוים פון וועלכן ער איז אַן אָפּצווייג, דער בוים וואָס האָט אים גענערט מיט זיינע זאַפטן, די סביבה און די אַטמאָספער אין וועלכער ער איז געוואַקסן און וועלכע האָט אויך געלייגט איר חותם אויף זיין דענקען און אויף זיין געמיט.

אָפּגעזונדערט אין זיין חדר אין רבישן הויף, האָט דער גאָר יונגער דיכטער רעזאַנירט וועגן גאָט, וועגן דער יצירה, וועגן לעבן, טויט, תכלית. זיין עיקרדיקער מאָטיוו דעמאָלט איז געווען גאָט־זוכעניש און נישט אַזוי דאָס זוכן ווי זיין בענקשאַפט צו אים, זיין פורעמען און בויען אים כמעט רילקיש.

> וואָרעם וואָס וואָלט ער געווען, מיר מיינען אים אַליין,
> אָן אונדזער געזאַנג, אָן אונדזער געוויין ?

און כאָטש ער האָט געלעבט אין עלפאַנטביין־שטיבל אין רבישן הויף, אָפּגעזונדערט פון דער גרויסער, דרויסנדיקער וועלט, האָט אָבער שוין אויך זיין „אדם" פון זיין ערשטער פּאָעמע, דערהערט דאָס קלאַפּן דאָס האַרץ פון דער צייט. און די יונגע נעמי מיט דער ליכטיקייט פון נבואה אין די אויגן, גייט שוין בונטעווען די שקלאַפן און רעדן מיט די מענטשן אַז זיי זאָלן זייער פאַרמעג צעטיילן צווישן די אָרעמע און קענבט, ווייל אויף א ו מ ר ע כ ט איז די וועלט צע־טיילט. נאָר אדם אַליין האָט זיך צו דעם הו־האַ אין זיין לאַנד נישט געמישט און אָפּגעזונדערט פון דער וועלט האָט ער געזוכט דעם העכערן זין און אמת אין לעבן.

נישט געמישט האָט זיך אויך פריד־וויינינגער. אָבער בשעת יעקב פרידמאַן האָט דעמאָלט אין זיין אָפּגעזונדערטקייט שוין גע־הערט דאָס האַרץ־קלאַפּן פון דער וועלט, און זאָל זיין אַז אויף אַ סימבאָלישן אָדער אַלעגאָרישן אופן, אָבער דאָך רעאַגירט אויף דעם אומרעכט אין דער וועלט, איז פריד־וויינינגער אין גאַנצן גלייכגילטיק געווען צו איר, לכל הפחות אין זיין דיכטונג.

טשערנאָוויץ איז געווען, ווי באַוווסט, אַ פּאַרדייטשטע שטאָט. ווער ס'האָט נישט געקענט כאָטש אַ פּאָר לידער פון רילקעס „שטונדן־בוך", נישט געלייענט „די פאַקל" פון קאַרל קראוז, דעם האָט געפעלט דער קענצייכן פון אַן עכטן אינטעליגנעט. דאָרט האָט זיך אויך געפונען אַן ערנסטע גרופּע דייטש־שרייבנדיקע פּאָעטן, לרוב יידן. דער יונגער פּאָעט האָט, זעט אויס, נישט אויסגעמיטן דעם איינפלוס פון דער דייטשער פּאָעזיע און קודם כל פון דער ראָמאַנטישער, וואָס איז נאָענט געווען זיין נאַטור און לעבנסאויפפאַסונג, זיינע ערשטע לידער מיט וועלכע מיר טרעפן זיך אין די זשורנאַלן און וועלכע זענען שפּעטער אַריין אין זיין ערשטער לידער־זאַמלונג מיטן שמעקנדיקן נאָמען „נאַרציסן", זענען שפּינוועבסדיק־אַבסטראַקטע, עפּעמערע פלאַטערלער, ווען דער דיכטער איז קפּדנותדיקער געווען מער אין דער פאָרם. ער אַליין איז נאָך אין די לידער נישט געווען, נישט די צייט, די געשעענישן און געראַנגלען אירע. זאָגט דערפאַר שלמה ביקל אַז „מיטן כח פון יידיש איז אים געלונגען צו אַנטרינען פון דער דייטשער קולטור־ספערע וואָס האָט אויף אים געלויערט און אויך צו געפינען דעם וועג צום היימיש־אייגענעם אימאַזש אונטער דער שווערער לאַסט פון די „אייביקע מאָטיוון".

קובי וואַהל איז אויך געקומען פון דער פרעמדער, דער דייטשער קולטור־ספערע. ווען ס'האָבן זיך באַוויזן זיינע ערשטע לידער האָבן מיר וועגן דעם נישט געוווּסט. דאָס איז געווען אין 34טן יאָר. אין די יידיש־ליטעראַרישע צייטונגען און זשורנאַלעכלעך האָט אַ שווינדל געטאָן דער נייער נאָמען, אַ ווויל־קלינגעוודיקער און נישט ענלעך צו אַנדערע נעמען.

איך בין דעמאָלט געווען דער רעדאַקציע־סעקרעטאַר פונעם זשורנאַל „די וואָך", און דאָס ערשטע ליד וואָס איז אַריינגעשיקט געוואָרן צו אונדז און האָט געמאַכט אויף אונדז אַ שטאַרקן, אומפאַרגעסלעכן רושם, איז געווען דאָס ליד „הונגער". אַריינגעשיקט איז עס אַפילו געווען נישט פון אים אַליין, נאָר פון דעם נישט לאַנג אָוועקגעגאַנגענעם פון דער וועלט שרייבער־וועטעראַן יצחק פאַנער.

שפּעטער זענען מיר געוואָר געוואָרן אַז אייניקע פון די לידער וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געווען אין דער פרעסע זענען געשריבן אין דער דייטשער שפּראַך און אַז דער גרעסטער טייל זענען איבערזעצונגען געמאַכטע פון אים טאַקע, פון יצחק פאַנער. אים אויך האָבן מיר צו פאַרדאַנקען וואָס ער האָט דעם יונגן דיכטער באַוויגן צו שרייבן יידיש און ער האָט דעם אורשפּרינגלעך־קרעפטיקן טאַלאַנט אַריבערגעבראַכט אין אונדזער יידיש־געסל.

שוין פון זיינע ערשטע לידער איז קלאָר געווען אַז קובי וואַהלס דיכטונג איז ברייט צעעפנט פאַר דער וועלט. ער נעמט זי אַריין אין גאַנצן, מיט אַלץ וואָס געשעט אין איר. ער האָט געהאַט אַ שאַרף געהער פאַר דער צייט און מיט זיין גאַנצן אימפּעט, טעמפּעראַמענט, יונגער ליידנשאַפט גראַווירט ער זי אַריין, די צייט, אין זיינע פערזן מיט קאַנט־שאַרפע שטריכן, ער ברענגט אַרויס דאָס עקלדיק־מיאוסע אין איר, וואָס ער פאַרדאַמט. וואָס קען זיין נאָך עקלדיקער, אָפּשטויסנדיקער ווי אַ וועלט אַ צעטיילטע אויף איבערגעזעטיקטע בירגער מיט טעמפּע פּרצופים, בשעת דער צווייטער טייל שמאַכט פון הונגער, הונגער וואָס איז „דאָס אורגעשפּענסט פון צייטן״?

איך בין צעשטערער פונעם שענסטן חלום,
איך בין דער זיגער איבער אייער טון,
און וויל איך צעשמעטער איך די מויערן
און ווער אַ מעכטיק־ברויזנדיקער טייפון
און וואַרף מיך אַ צעווילדעוועטער איבער שטעט און גאַסן,
און צינד אָן ווי אַ פאַקל אומגעדולד פון מאַסן...
איך בין דער הונגער.

ווי אַ טייפון האָט אויך קובי וואַהל זיך אַריינגעבראָכן אין אונדזער יידישן פּאָעזיע־הימל אין רומעניע, און ער האָט אויפגערודערט און צעבויטעט די שטילקייט מיט נייעם טיף, עקספּרעסיוון קול.

ער האָט געהאַט אַ קלאָרן ציל, קובי, און ווי ס׳איז צו זען פון אַ טייל פון זיינע לידער אַיז אים געווען צום האַרצן די פּראָלעטאַ־רישע שיטה וואָס איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע. לויט דער נישט גרויסער צאָל לידער וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען, האָבן מיר געזען אַז ער איז קודם כל אַ דיכטער פון דער היינטצייטיקייט. ער איז נאָך צו דער יידישער טעמע נישט דערגאַנגען אַפילו ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן יידיש. זיין טעמאַטיק איז אַן אוניווער־סאַלע. ער איז נישט נאָר אַ באַאָבאַכטער און גראַווירער מיט אַ מעכטיקער שפּראַך פון דעם געזעענעם. ער אָטעמט אַריין אין איר זיין שינאה, זיין פּראָטעסט, וועקנדיק רעוואָלט. עס קאָכט אין זיינע לידער דער פּאַטאָס פון מורד. אַזוי אין „הונגער״, אַזוי אין „אַספאַלט״, אַזוי אויך אין „האַריאָ״. ער אַליין איז נאָך ווייניק דאָ אין די לידער. ער איז יונג. זיין ביאָגראַפיע איז ערשט ביי איר אָנהייב. זיין פילבאַרע נשמה איז מער געפאַנגען פון די טעמעס פון אומרעכט, אונטער־דריקונג, פעלקער־פריינדשאַפט, מלחמה און שלום, טעמעס וואָס האָבן אויך היינט נישט פאַרלאָרן זייער אַקטועלקייט און מאַכן פּיבערן דעם בעסערן טייל פון דער מענטשהייט.

אַוודאי איז לויט דעם קליינעם בינטל לידער וואָס איז נאָך אים פאַרבליבן, שווער צו אורטיילן, ווער עס זענען געווען זיינע מאָדעלן, פון וועמען האָט ער אַליין זיך געלאָזט גערן באַאיינפלוסן. זענען דאָס געווען די דייטשע פּראָלעטפּעניקעס, די מאַלעריי פון מאָסע־רעלן און גראָסן, צי גאָר מאַיאַקאָווסקיס פּלאַקאַטן־ליד האָט אים באַהערשט אָם מייסטן. וויל יידישע מאָדעלן זענען אויסגעשלאָסן. עס דאַכט זיך אַז גיכער פון אַלץ האָט ער זיך דעלעקטירט מיט די אורבאַניסטישע סאָציאַלע מאָטיוון פון עמיל ווערהאַרן.

אַ פילבאַרע נשמה און אַ רייך־באַגאַבטע, האָט ער געקענט אַ תיקון געבן די געראַנגלען און געשעעניש וואָס ער האָט אינטים איבערגעלעבט און דערפאַר האָבן מיר אַלע מאָל זיך געפרייט צו דערהערן אָט דאָס ערלעכע, ריינע מאָנצבילש־זיכערע קול.

און פּלוצעם — אַ טרויער־דעפּעשע. קובי איז נישטאָ. דאָס

האַרץ פון דעם יונגן דיכטער איז פאַרברענט געוואָרן פון אַ געפער־לעבער שלאַפקייט וואָס האָט אַזוי ווי דער הונגער געפונען אירע קרבנות אין די נויט און דחקות־קוואַרטאַלן. דער יונגער הויך־פליענדיקער אָדלער האָט פאַרענדיקט זיין שיינעם שווונג־דרייסטן פלי. און אין די לעצטע רגעס, אין זיין סאַמע לעצטן ליד „פינאַל״, בעט ער:

פאַרלעשט די לאָמפּן!
און דאָס פענצטער פאַרהענגט!
זאָל דער שונא נישט מיט זשעדנע בליקן
זיך מיט יונגן אָדלערס שטאַרבן קוויקן...

איך בין אַרויסגעפאָרן צו דער לוויה, פאַרשטעלנדיק די רע־דאַקציע „די וואָך״ און די יונגע בוקאַרעשטער שרייבערס־גרופּע. ס׳איז געווען אַ קאַלטער דעצעמבער־טאָג, אַ קאַלטער אָבער אַ רויקער. און איך בין איבערראַשט געוואָרן פון דער אומגעהייערער אימפּאָ־זאַנטער לוויה, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דעם יונגן דיכטער. אַחוץ די פאָרשטייער פון די יידישע קולטור־אינסטיטוציעס און דער לאַנ־גער שערענגע תלמידים פון די יידישע שולן, זענען הונדערטער סתם־יידן געקומען באַגלייטן צו זיין אייביקער רו דעם יונגן פּאָעט, ווי מע וואָלט זיך געזעגענען מיט אַ פאָלקס־מנהיג מיט פיליאָריקע פאַרדינסטן און אַ פאַררעטער פונעם פאָלק.

מיט וואָס איז צו דערקלערן דער כבוד וואָס ווערט אָפּגעגעבן אַ יונגן, סך הכל אָנהייבנדיקן דיכטער, האָב איך מיך געפרעגט, אויב נישט מיט דער פּאָפּולאַריטעט וואָס ער האָט בלויז אין אַ פּאָר יאָר באַוויזן צו דערווערבן ביי די יידישע אַרבעטנדיקע קרייזן וועלכע האָבן אין זיין קול דערהערט דעם זינגער פון זייערע האָפענונגען און חלומות.

ער האָט ווייניק באַוויזן צו רעאַליזירן, קובי וואַהל און מיר ווייסן נישט מיט וואָס פאַר אַ באַדייטנדיק ווערק ער וואָלט באַרייכערט

אונדזער יידישע ליטעראַטור ווען גאָט וואָלט אים געגעבן אריכת ימים. נאָר זאָגן קען מען מיט זיכערקייט אַז נאָר אַ דאַנק יידיש צו וועלכן ער האָט זיך אומגעקערט פון יענער פרעמדער ספערע, האָט דער יונגער שטאַרק־באַגאָבטער פּאָעט, וואָס האָט אַ בלענד געטאָן אין אונדזער הימל ווי אַ מעטעאָר, געלאָזט נאָך זיך א ליכ־טיקייט, פאַר וואָס מיר דערמאָנען אים מיט דאַנקבאַרקייט עד היום.

פריד ווייניגער

מיין באַגעגעניש מיט קובי וואָהל

(אַ קאַפּיטל זכרונות; אַ נסיעה קיין טשערנאָוויץ)

אין יוני 1978 האָב איך זיך אומגעקערט פון אַ קורצער נסיעה קיין טשערנאָוויץ, די שטאָט פון מיין פאַרגאַנגענהייט, — אַ שטאָט פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט, נאָר מיטן אויסזען פונעם טרויעריקן היינט. צי קען דען אַ וואָך צייט פון באַגעגענען זיך מיט די שאָטנס פון די קינדערישע יאָרן, און מיט די יאָרן פון יוגנטלעכן ברויז, שטילן דעם דאָרשט פון נאָסטאַלגיע, פון בענקשאַפט נאָך די מקורות פון אַמאָל?

זיך אומקערן איצט ווידער, און אַ קוק טאָן אויף יענער שטאָט וועלכע וועט פאַר מיר בלייבן אַן אויסטערלישע, איז אַ מאָדנע איבערלעבעניש. איך טו עס מיט ליבשאַפט, ווייל איך האָב אַ באַ־געגעניש מיט מיין עלטערן חבר קובי וואָהל, וואָס איז אַזוי יונג, אין עלטער פון 24 יאָר פאַרשניטן געוואָרן אין אָנהויב פון זיין צעבליען זיך ווי אַ רייפער, וואָגיקער דיכטער.

טאָ, זאָל זיך מיר דאַכטן אַז איך צי אַוועק דעם מאַגישן פירהאַנג וועלכער טיילט אָפּ דיווירקלעכקייט פון יענער זייט, ווו מען בויט שלעסער אין דער לופטן. אויף יענער זייט (הייסט עס) האָב איך אַ באַגעגעניש מיט קובי וואָהל. און אָט שטייט ער פאַר מיר, אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט אַ שוואַרצן זיידענעם קינסטלער־שלייף אויפן האַלדז, און מיט אַ ברייטן קאַפּעלוש אויפן שטערן. זיינע אויגן נעמען מיך אַדורך מיט פאַרשנדיקע בליקן, נאָר אין עצם זענען זיי מילדע, וואַרעמע. עס זענען די אויגן פון אַ מענטש, וואָס איז זיכער אין זיך אַליין. עפּעס דערפילט מען אין זיין אָנוועזנהייט אַ צוציענדיקן כח,

און אַפּילו ווען מען זאָל נישט וויסן אַז דאָ שטייט מען פּנים אל פּנים מיט אַ דיכטער, ווערט מען תיכּף פאַרכאַפּט פון זיין געשטאַלט, און פון זיין שטילן ענטפער אין זיין בליק: איך האָב אַ שליחות אין אונדזער צייט. אַזוי שטאַרק איז דער רושם פון זיין פּערזענלעכקייט געווען אויף מיר — דעם קוים 17 — צי 18 יאָריקן בחור און אָנ־פאַנגער, אַז נישט איין מאָל בין איך אים זייער מקנא געווען, וואָס ער פאַרכאַפּט אַזוי פיל שיינע מיידלשע הערצער. און ווער האָט זיך געקענט מיט אים פאַרמעסטן, ווען שפּעטער איז דאָרא ווייסמאַן, איינע פון אונדזערע שענסטע אין די יידישיסטישע קרייזן, די פּרי־מאַדאָנאַ פונעם קאָמעלעאָן קליינקונסט־טעאַטער, געוואָרן זיין באַ־שערטע פרוי.

נאָר וואָס בין איך אויסן? איך האָב דאָך אַ באַגעגעניש מיט אים. דאָס אָרט פון אונדזער ראַנדעוווּ איז ביי דרוקמאַן אין וויינ־קעלער, אויף דער טעמפּלגאַס. ווער איז דרוקמאַן? ווער פון אונדזער שרייבערישער פּלעיאַדע האָט נישט געקענט דעם שיינעם ייד מיט דער קוילשוואַרצער באָרד, אַ חסיד פונעם האָראָדענקער רבין ז״ל? און ווער פון אונדז, מיט איציק מאַנגער בראש, האָט נישט פאַרזוכט ביי אים אין קעלער דעם אמתן טראָפּן פון די רומענישע וויינ־גערטנער?

טשערנאָוויץ, די הויפּטשטאָט פון דער בוקאָווינע, אינעם לאַנד פון „בוכנביימער" האָט אין משך פון אַ גאָר קורצער צייט, צווישן דער ערשטער און דער צווייטער וועלט־מלחמה געביטן די פאָן דריי מאָל. די קרוינשטאָט פון אַ קליינער פּראָווינץ אין דער עסטרייכישער אימפּעריע, אין מזרח־אייראָפּע, איז אין יאָר 1919 רומעניזירט גע־וואָרן, אָבער נאָר אויבנאויפיק, אָפיציעל; אין האַרץ איז זי געבליבן די זעלבע דייטשמעריש־יידישע שטאָט. אין יאָר 1940 אָבער האָבן די פאָנען פון דער רויטער, אַזוי־גערופענער באַפרייונג די שטאָט גענומען אונטער זייער רשות. אין אַ גאָר קורצער צייט האָבן די נייע הערשאַפט באַוויזן צו פאַרוואַנדלען די שטאָט דעמאָגראַפיש און קולטורעל. איך האָב די שטאָט אין זומער פון 1978 קוים דערקענט;

דאָס הייסט, איר פּנים איז אויבנאויפיק דאָס אייגענע געבליבן... — צוגעשמירט אַ ביסל, פּאַרפּוצט, און די האָר צוגעפאַרבט. נאָר אַז איר קוקט זיך אַריין אין אירע אויגן, דערזעט איר אַ יידישע טאָכטער וועמען די גויים האָבן מיט געוואַלד אָפּגעשמדט.

אויף דער שטאָט וועלכע איז זוכה געווען אין יאָר 1908 צו זיין די כּנסת פון דער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ, האָט זיך אַראָפּגע־לאָזט דער שאָטן פון באָגדאַן כמיעלניצקי אין אַ נייעם מונדיר. טשער־נאָוויץ איז טשערנאָווצי געוואָרן. מער ווי נאָסטאַלגיע געפילן קען איך אין דער רגע נישט באַפרייען פון זיך. ווער דערמאָנט זיך נישט אין די ליטעראַרישע, און געזעלשאַפטלער־קולטורעלע מסיבות פון יידישן שולפאַראיין, פון „מאַרגנרויט״, ווו יוגנטלעכע מיט אָפענע קאָלנערס און לאַנגע טשופּרינעס פלעגן מיט אימפּעט אָנטייל נעמען אין די הייסע דיסקוסיעס, צי זיך צוהערן צו די פּאַרלעזונגען פון די יונגע פּאָעטן און פּראָזאַיקערס וואָס האָבן דאָרט געפונען אַ פעלד פון אַקטיוויטעט, פון אויסלעבן זיך אין האַרמאָנישער פּאַרבונדנקייט מיט די לייענערס און צוהערערס וואָס האָבן זיי אויפגענומען און אויך פאַרשטאַנען.

די בוקאָווינע האָט אויסגעפּרווט די איינפלוסן פון דער מערב־דיקער קולטור, באַזונדערס פון פאַר־היטלעריסטישן דייטשלאַנד, אין דער בליענדיקער ליטעראַטור האָט דער יידישער פאָלקסמאָטיוו, סינטעטיש זיך פאַרנומען מיטן וואָלעכישן דוינע־ניגון, מיטן ציגיינער־מאָטיוו, און אויך מיט די איינפלוסן פון דער ליריק אַלאַ היינע, נאָוואַ־ליס און רילקע. אויב די בוקאָווינע האָט קוואַנטיטאַטיוו נישט אַרויס־געגעבן קיין גרויסע צאָל דיכטערס, האָט זי אָבער אַרויסגעפירט אין דער וועלט אַריין גאָר אייגנאַרטיקע דיכטערס און קינסטלער.

ס׳איז אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען אַז כאָטש די אַרומיקע אַטמאָספער אין טשערנאָוויץ איז געווען אַ דייטשמערישע, האָבן דאָך די דאָרטיקע פאָלקסדייטשן נישט אַנטוויקלט קיין באַזונדערס וויכטיקע קולטורעלע אינסטיטוציעס, נישט אַרויסגעגעבן קיין גרויסע שאַפערס אין זייער שפּראַך. דאָס דייטשע קולטורעלע לעבן און ליטעראַרישע

שאַפֿן, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס איז נישט געווען, איז דווקא איינגע־שטאַנען אין די הענט פֿון די יידן, אַזוינע דייטש־שרייבנדיקע דיכ־טערס ווי אלפרעד מאַרגול שפּערבער, מאָזעס ראָזענקראַנץ, דוד גאָלדפעלד, אַלפרעד קיטנער און אַנדערע וואָלטן זיכער פּאַרנומען באַדייטנדיקע פּאָזיציעס אין דייטשלאַנד ווי אין די רעגיאָנאַלע, לאָ־קאַלע סביבות פֿון דער בוקאָווינע, אַזוי ווי עס האָבן שפּעטער דער־גרייכט פּאָל מעלאַן און ראָזע אויסלענדער ווי באַלד זיי זענען אַהין דערגאַנגען.

קובי וואָהל איז ווי אַן אויסטערלישער שטערן אויפגעגאַנגען אין די אָנהויב דרייסיקער יאָרן, און נאָר זיין פּריצייטיקער טויט סוף דעצעמבער 1935 האָט זיין שעפערישן וועג איבערגעריסן. דעמאָלט אין די דרייסיקער יאָרן האָט די אַרבעטער־אינטעליגענץ פֿון אייראָפּע, און אַוודאי אויך ביי אונדז אין דער בוקאָווינע און באַסאַראַביע, נאָך געחלומט אַז מיר שטייען ביים שוועל פֿון נייע געשעענישן אין דער וועלט וועלכע וועלן ברענגען שלום, פרייהייט און גערעכטיקייט פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט. די קלאַנגען פֿון סאָציאַלן פּראָטעסט זענען צו אונדז דערגאַנגען. די ווערק פֿון ערנסט טאָלער, ברערטראַנד ברעכט, קורט טוכאָלסקי און אַנדערע האָבן אָנגערעגט די געמיטער און פּאָעטיש באַפֿליגלט אויך אונדזערע קרייזן. קובי וואָהל האָט מיט לירישער דינקייט זיין ליד דערפֿירט ביז צו דראַמאַטישן פּאַטאָס. ווי אַ נביא קומט ער צו זיינע מיטמענטשן:

„איך קום צו אייך ברידער
פֿון די טיפֿענישן וועלכע זענען
טאַקע אין אייך אַליין,
און כ׳טראָג דעם שטורעם אין מיין מויל
ווי אַ וועקרוף,
און אין מיין רעכטער האַנט
האַלט איך ווי אַ בייטש דעם ווינט״...

מיט אַזאַ דיכטערישן פּאַטאָס האָט נאָר געקאָנט זינגען אַ גרויסער

דיכטער, און ער האָט די נטיה געהאַט אין זיך. אַזוי האָבן מיר אים דעמאָלט באַנומען און אויפגענומען אין אונדזער משפחה. קובי וואָהל'ס קומען און אַנטפלעקן זיך פאַר אונדז ווי אַ שטערן אויף אַ העלן זומערדיקן הימל פון אונדזער בוקאָווינער לאַנדשאַפט האָט ממש אויפגערודערט די קרייזן פון יידישן שולפאַראיין אין טשערנאָ־וויץ. ווי אַ נסתר איז ער אַראָפּגענידערט צו אונדז פון די קימפּולונגער בערג, די הויכע קאַרפּאַטן, אין אַ שליחות וועלכע ער האָט נישט געקאָנט פאַרענדיקן. נאָר ווי מעטעאָריש זיין לעבן זאָל נישט געווען זיין, וועט זיין ליכט שיינען אין אונדזערע הימלען.

☆

עטלעכע צענדליקער יאָרן זענען שוין פאַרביי. איך דריי זיך אַרום לעבן דעם ווינקעלער אין דער אַמאָליקער טעמפּלגאַס. נישט דער טעמפּל איז דאָ, און נישט דער ווינקעלער און אויך נישט די געשטאַלטן וואָס זענען דאָרט אַריין און אַרויס געגאַנגען. נאָר פאַר־מאַך איך די אויגן דערזע איך זיי ווי אין יעקב אָבינו'ס חלום; זיי גייען אַרויף און אַראָפּ אויף אַ פאַרכישופטן לייטער וועלכן איך נאָר אַליין האָב דערזען אין מיין בענקשאַפט. נאָר אַ געפיל פון אָפּגעפרעמדקייט נעמט מיך פּלוצעם אַרום, און הייסט מיר עפענען די אויגן און דערזען די ווירקלעכקייט. אויפן אָרט פונעם טעמפּל וועל־כער האָט געשמט ווי אַ מייסטערווערק פון אַרכיטעקטאָנישער קונסט אין מורישן סטיל, שטייט אַ העסלעכער בנין אויף די פונדאַמענטן און ווענט פון דעם אמאָליקן בית הכנסת. צוויי מאָל האָבן די דייטשן געפּרוווט דעם היכל צו צעשטערן, און נישט די שרפה, און נישט די דינאַמיט־באָמבעס האָבן אים געקאָנט אין גאַנצן פאַרניכטן. פון די חורבות האָבן שפּעטער די רוסן צוגעשניטן אַן אַרכיטעקטאָנישן מאָנסטער. אויפן אָרט פון אַ הארץ, האָט מען דאָרט אַריינגעשטעלט אַ קינאָ.

איך שטיי פאַרן הויז ווו דרוקמאַנס ווינקעלער איז געשטאַנען.

די געשטאַלטן וואָס גייען פאַר מיר פאַרביי, זענען מיר פרעמד. מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ גיי איך ווייטער און פּרוּוו איינהאַלטן מיינע טרערן. נישט ווייט איז דער בנין פון דער אַמאָליקער יידישער קהילה, וועלכער האָט באַהויזט דעם יידישן שולפאַראיין. די ריזיקע געשטאַלטן אויף דעם באַראָק־פאַסאַד, וואָס האַלטן דעם בנין אויף זייערע אַקסלען, ווי אַטלאַס וואָלט דאָרט געשטאַנען... נישט איינער, נאָר צוויי, דריי, פיר ריזן, ווי זיי וואָלטן געטראָגן דעם גורל פון אונדזער פאָלק דורך אַלע צייטן פון פיין, אומקום, און בענקשאַפט נאָך גאולה. פיר געשטאַלטן, ווי ארבע כנפות אויפן טלית פון אונדזער געשיכטע.

איך ווייס נישט צי זאָל איך שמייכלען, צי וויינען, בעת איך הער זיך צו ווי עמעץ, אַ רוס פּרוּווט מיר דערקלערן אויף ענגליש: אַז דאָס זענען די האַרעפּאַשנע אַרבעטער וואָס האָבן געמוזט טראָגן אין זייער אונטערדריקונג דעם בנין פון די רייכע, און עקספּלואַטאַטאָרס.

בעת איך שרייב די דאָזיקע שורות, קומט צו מיר קובי וואָהל צו גיין ווי אין חלום. איך דערמאָן זיך ווען ער איז אָנגעקומען קיין טשערנאָוויץ מיט אַ בינטל לידער און מיט זיינע קאַרפּאַטן־בערג אין זיין רענצל. איך האָב זיך באַקענט מיט אים דורך פאַני זאַנד, אַ קימפּולונגער יפהפיה, וואָס האָט מער פון אַלעמען פאַרגעטערט קובי וואָהל. ער איז געווען מיט פיר יאָר עלטער פון מיר. אין די יאָרן פון „שטורעם און דראַנג" איז אַזאַ חילוק דריי מאָל אַזוי גרויס. האָב איך צו אים אַרויפגעקוקט סיי מיט באַוווּנדערונג, און אויך מיט אַ היפּש ביסל יוגנטלעכער קנאה. חוץ צעברעכן הערצער, האָט ער אויך געשריבן אַנדערש ווי אַלע אַנדערע אין אונדזערע קרייזן. איך האָב געשריבן ליריש־ראָמאַנטישע לידער, און קובי וואָהל האָט אויף אַ לירישן און עפּישן אופן גערעדט צו די מאַסן. ער האָט געשריבן אויף דייטש, און זיינע לידער האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען אויף די שפּאַלטן פון די „טשערנאָוויצער בלעטער" אויף יידיש, אַ דאַנק די איבערזעצונגען פון יצחק פאַנער, וואָס איז אונדז אין יענע יאָרן נישט נאָר מקרב געווען, נאָר האָט ווי אַ פאָטער געזאָרגט אַז מיר זאָלן אַרויס אויף די שפּאַלטן: שוואַרץ אויף ווייס.

קובי וואָהל האָט, ווי זיין גאַנצער דור, געחלומט אַז עס וועט קומען „די גאולה״; נאָר קיינער האָט נישט גערעדט מיט אַזאַ פּאַטאָס. ווען מיר לייענען די ליריק פון קובי וואָהל זענען די מאָטיוון פון זיין דיכטונג הײַנט פונקט אַזוי אַקטועל ווי אַמאָל. צי האָט דען די וועלט געלייזט די פּראָבלעמען פון הונגער און נויט?

קובי וואָהל האָט געשאַפן, געחלומט און געשאַפן. אַז דער טויט



קוביס עלטערן
Kubis Eltern

האָט זיך געהאַט באַזעצט אין זיינע יונגע, שוואַכע לונגען האָב איך זיך שפּעטער דערוווּסט. עס האָט זיך עפּעס נישט געלייגט אויפן שכל, אַז ער דער הויכער, שלאַנקער און מיט גייסט שפּרודלדיקער דיכטער זאָל זיין פּאַראורטיילט אַזוי יונגערהייט.

איך פלעג אָפט אַריינקומען צו די וואָהלס אין שטוב אַריין. אין יענער צייט ווען קובי וואָהל האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו זיין סוף, איז זיין פאָטער געלעגן אין גאַנצן פּאַראַליזירט. זיינע אויגן

האָבן געקוקט ווי אין דער ווייטער וועלט אַריין און ווי זיי וואָלטן שוין מער נישט געזען אין וועלכע הימלען זיי שוועבן. די בלייכע ליפּן האָבן שווייגנדיק פון צייט צו צייט זיך קוים באַוועגט. נאָר פונקט ווי די שטומע אויגן האָבן אויך די ליפּן געשוויגן. מיר האָט זיך געדוכט אַז קוביס פאָטער האָט נישט געליטן, נישט געוווסט און דעריבער אויך נישט פאַרשטאַנען וואָס אַרום אים טוט זיך. ווי טרייע מלאכים זענען קוביס מאַמע און זיין איינציקע שוועסטער קלאַראַ, געשטאַנען אַרום אים. אין יענער פאַטאַלער רגע ווען עס האָט זיך דערנענטערט דעם דיכטערס סוף, בין איך געשטאַנען ביים בעט פון זיין פאָטער. פּלוצעם דערזע איך ווי פון די כמעט פאַרלאָשענע אויגן קוואַלן אַרויס טרערן. אין יענער רגע האָט קובי וואָהל אָפּגעגעבן זיין נשמה דעם באַשאַפער.

סאַראַ מאָדנע רגע. אַפילו דער פאָטער האָט דעמאָלט געקאָנט גובר זיין, זיין צושטאַנד פון שטענדיקער באַוווסטלאָזיקייט, און זיך געקאָנט שטומערהייט געזעגענען פון זיין זון, דעם 24 יאָריקן קובי וואָהל.

אין דער שטאָט האָט זיך ווי אַ וואַלד־שרפה צעשפּרייט די נייעס פון זיין פּטירה. די חברים פון שולפאַראיין, פון מאַרגנרויט, פון דער רעדאַקציע „טשערנאָוויצער בלעטער” האָבן אָנגעהויבן צוגרייטן אַ מאַסן־לוויה. נאָר דאָרט אין הויז פון דעם נפטר זענען געשטאַנען וואַך און נישט געגלויבט אַז ס'איז אמת, הערש לייב קאַזשבער ז"ל, יעקב פרידמאַן ז"ל, און איך געדענק נישט ווער נאָך. איך ווייס נאָר אַז אין דרויסן איז דעמאָלט געווען דעצעמבערדיק קאַלט. אין שטוב איז געלעגן דער לאַנגער, אויסגעצויגענער גוף אָן לעבן, און האָט זיך נישט גערירט. די פלעמלעך פון די אָנגעצונדענע ליכט האָבן געוואָרפן מיסטעריעזע שאָטנס. איך האָב געהאַלטן אין איין קוקן, אפשר רירט זיך פאָרט אַן אָטעם אין זיין ברוסטקאַסטן.

קובי וואָהל איז געשטאָרבן ראש חודש טבת, תרצ"ו (27־טן דעצעמבער 1935) און אויף איבערמאָרגן זענען טויזנטער מענטשן געקומען באַגלייטן אים אין זיין לעצטן וועג. אַ לעבעדיקע קייט פון

חברים האָט אַרומגערינגלט די מאַסע וועלכע האָט זיך געצויגן איבער די ווינטערדיקע גאַסן פון דער שטאָט. אויך די מאַכטאָרגאַנען פון דער רומענישער געהיים־פּאָליציי, די „סיגוראַנצאַ״ האָט געשיקט אומ־צאָליקע אַגענטן, וואָס האָבן זיך אויסגעמישט מיטן גרויסן עולם, וועלכער איז אַלץ גרעסער געוואָרן, ווייל מער און מער מענטשן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אויפן וועג. ש. א. סופר ז״ל, דער רעדאַקטאָר פון די „טשערנאָוויצער בלעטער״ (וואָס איז אַזוי טראַגיש אומגעקו־מען בעת די דעפּאָרטאַציעס קיין טראַנסניסטריע) איז צו מיר צוגע־קומען, און מיר געהייסן לייענען ווען מען וועט אויסרופן, קובי וואָהל׳ס לעצטע געדרוקטע ליד: „אנרי בארביס״. אַזוי האָט זיך די לוויה געצויגן ביז צו דעם יידישן בית עולם; זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַניפעסטאַציע, פון מאַסן מענטשן וואָס האָבן אין דעם פראָסטיקן טאָג פון סוף דעצעמבער באַגלייט זייער יונגן נביא צו זיין אייביקער רו.

רעדנער נאָך רעדנער געזעגנט זיך פאַר דעם אָפענעם קבר. פּלוצעם הער איך ווי מען רופט אויס מיין נאָמען. ווייזט אויס מען האָט פון סופר׳ס וואָרענונג צו מיר נישט געהערט. און אַז מען רופט, גייט מען. איך שטעל זיך אַוועק צוקאָפּנס פונעם ארון. איך לייען נישט. איך רעד וואָס עס ליגט מיר אויפן האַרץ. נישט קיין צוגעגרייטע הספד־ווערטער. איך רעד און פאַרפלאָנטער זיך: „אָט זענען מיר דאָ, קובי וואָהל, די וואָס האָבן דיך האָלד, און וואָס האָבן דיין ליד און דיין שליחות פאַרשטאַנען. און אָט שטייען אויך דאָ, יענע וואָס האָבן דיך געהאַניעט און פאַרפאָלגט. אָבער קומען וועט דער טאָג, און די רויטע פאָן פון באַפרייאונג וועט פלאַטערן איבער טשערנאָוויץ״...

ווי איך האַלט אַזוי אין זאָגן נביאות, יוגנטלעכע נביאות פון אַ צוואַנציק־יאָריקן וואָס גלויבט נאָך אין יענעם חלום, דערהערט זיך פּלוצעם ווי עס שאַרן זיך שטיוול פון אַלע זייטן אויף די שטיינדעלער פון די אַרומיקע וועגן. זיי קומען צו אַלץ נאָענטער צו מיר, און מיט־אַמאָל וואַקסט אויס פאַר מיר מאַריץ ראָטענבערג, דער יידישער גזלן

פון דער טשערנאָוויצער סיגוראַנצאַ. ער נעמט מיר אָן ביים אָרעם און זאָגט צו מיר אויף דייטש: „קאָמען זי מיט, ביטע".

היינט, 45 יאָר באַלד נאָך קובי וואָהל'ס פּטירה, קוק איך אויף דער בוקאָווינער לאַנדשאַפט מיט נאָסטאַלגישע אויגן. נישטאָ מער יענער יונגער טרוימער, און אויך נישט אַ סך פון די חברים טרוימערס וואָס האָבן אים באַגלייט צו זיין פריצייטיקן קבר.

אָבער דער דיכטער קובי וואָהל איז דאָ אין אונדזער מיט, און אויך זיין ווערק וועלכעס טאָר נישט פאַרגעסן ווערן.

ראשון לציון, ד' אדר, תש"ם

יאַנקל יאַקיר

קובי וואָהל

געבוירן און דערצויגן ביי אַן אָרעמער ייִדישער פאַמיליע אין קימפּולונג (בוקאָווינע), האָט ער פון דער פריסטער קינדהייט איינגעזאַפּט אין זיך דאָס טרויעריק־בונטאַרישע נויט־געזאַנג פון די וועמענס כמורנע לעבן ער האָט באַזונגען אין משך פון זיין קורצן דיכטערישן וועג.

זיינע ערשטע לידער האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דייטש, אין דער שפּראַך אויף וועלכער ער האָט פאַרמירט זיין קולטור. שפּעטער־צו, קומענדיק אין קאָנטאַקט מיט דער טשערנאָוויצער ייִדיש־ליטעראַרישער סביבה, איז ער איבערגעגאַנגען צו ייִדיש (אין ערשטער ריי איציק מאַנגערס השפּעה).

שוין ביים סאַמע אָנהויב פון זיין דיכטערישן שאַפן האָט ער נישט פאַרקערעוועט, ווי דער שטייגער איז, ביי די מערערע אָנפאַנגער־דיכטער, אויף דעם אידיליש־אינטימען ביי־וועגיקן סטעזשקעלע, וואָס פירט צום ענג־צימערדיקן לעבן מיט די קליינינקע ליידן און פריידן, נאָר מיט, זיין גאַנצן יוגנטלעכן, ערלעך־בונטאַרישן וועזן, זיך אַ ווענד געטון מיטן פּנים צו אונדזער האַרטער ווירקלעכקייט. אַט־די פאַראייניקונג פון דער סאָציאַלער טעמאַטיק, דאָס אַסימילירן דעם סאָציאַלן מאָטיוו מיט זיין דיכטערישן „איך”, איז נישט געקומען לויט אַ דרוק פון דרויסן, פון אימיטאַציע, נאָר דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון זיין אינערלעכער, זעלבסט־פאַרצערנדיקער געוויסנהאַפטיקייט.

האָט ער זיך אַזוי פּשוט, אָן דעם פּאַראַדאַרטיקן, מליצהדיקן ראַדיקאַליזם, געשטעלט מיט זיין קערנדיק דיכטעריש וואָרט — ערלעך

געזאַנג פון זיין אומרויק בלוט און שווונגפול לעבן — אין דינסט פון דעם אַרבעטס־מענטש.

אַן אויסגעמאָגערטער, אַן אונטערגעמינעוועטער פון די טובער־קולאָז־באַצילן, האָט ער אַרומגעשפּאַנט צווישן אונדז און געפּרווט אויסזינגען דעם צער און געראַנגל פון אונדזער צייט.

אָט ציטערט אויף אין זיין זעאונג דאָס בלוטיקע געשפּענסט פון דער לעצטער וועלט־מלחמה מיט אירע מיליאָנען „אומבאַקאַנטע העלדן", וועלכע צעטרייסלען ביז צום גרונט זיין געמיט. זייער גורל פול־טראַגיק פּרווט ער ברענגען צום אויסדרוק אין זיינע לידער „מאַסנקברים" און „קריג".

אינערלעכע דראַמאַטישקייט, געפּרעסטער דיכטערישער אָטעם, געשטייגערטע נאַכט־געשפּענסטערישע וויזיע, צעשויבערטע סאָציאַ־לע סטיכיע, וואָס אָפּט דערגייט זי אין זיין, וואָס אמת, רוי, אַ סך מאָל נישט געשליפן ליד צו קאָסמישער אור־קראַפט:

כ'בין דאָס אורגעשפּענסט פון צייטן.
אויסגעוואַקסן אינעם לעבנס זומפּיקן אָקעאַן —
כ'בין דער הונגער!
כ'בין דער אָרעם וועלכער נעמט אַרום דעם ערדבאַל
און יעדן טראָפּן פרייד פאַרשלינגט,
און מיט גיריק ווילדע וואַמפּירליפּן
דאָס בלוט פון לעבן טרינקט.

(„דער הונגער")

ס'איז תמיד פאַראינערלעכט און געקרעפּטיקט זיין געזאַנג, אַז אַפילו אין זיינע פּלאַקאַטנאַרטיקע לידער („ראָסקאָפּ - פּאַטענט", „קוילן" א.א.) איז זיין פּאַטאָס איבערצייגנדיק, עכט און אָרגאַניש. אויסער דעם ביטערן „זיין" פון די פאַבריק־אַרבעטער און רעוואָלטי־רנדיקן צער פון די פאַרקנעכטעטע קוילנגרעבער, האָט ער אויך גע־זינגען דעם טרויער פונעם געקריוודעטן רומענישן פּויער, וועמענס

יאוש קולמינירט אין דעם טראַגיש־צאַרנדיקן פינאַל פון פיין ליד „האָריאַ״:

„היינט שטייען מיר נאָך געשפּאַנט אין יאָכן,
איבער אונדזערע שטיבלעך לויערט הונגער־טויט
און ס'צאַנקט דאָס דאָרף אין פיבער־פלעקן רויט
מיר קענען שוין נישט מער פאַר צער און נויט!
די פלויטן אונדזערע שטייען האַלב־צעבראָכן
און אונדזערע קינדערס אויגן בעטן ברויט!
אָף, האָריאַ!

אָט דאָס אויוונציטירטע ליד פאַרדינט דורך זיין טעמאַטיק באַ־זונדערס אונטערגעשטראָכן צו ווערן. קובי וואָהל איז דער ערשטער און דערווייל דער איינציקער צווישן אַלע אונדזערע אָרטיקע יידישע שרייבער, וועלכער האָט דערזען אויך דעם רומענישן פּויער נישט נאָר ווייל ער איז דעקאָראַטיוו, נאָר ווייל ער איז די פּיעטע פונעם לאַנד. — „פּיעטע״ אי אין זין פון באַזיס און אי סימבאָליש: דער שיכט, אויף וועלכן מען טרעט און ווערט געטרעטן...

„האָריאַ״*) דאָס איז אַ געלונגענער פּרווו אַריינצודרינגען אין סאַמע סאָציאַל־געשיכטלעכן אינגעווייד פון דעם דורותדיק־אונטער־דריקטן רומענישן פּויערטום, וועמענס צאַרנפולע אומצופרידנקייט איז געקומען צום אויסדרוק אין די פאַרשידענע — אָפּטמאָל זיך איבערחזרנדיקע — פּאָלקס־בונטן, סטיכישע אויפשטאַנדן...

אַלס אויסקויף פון די זינד פונעם יידישן פּאָסעסער, וועלכער האָט צוגלייך מיטן באַיאַר גענאָגט און געשונדן אַ הויט פון אויטאָכ־טאָנעם פּויער, איז געקומען דער יידישער רעוואָלוציאָנערער דיכטער און זיך סאָלידאַריזירט מיטן פאַריאָכטן ערד־מענטש אין זיין קאַמף פאַר פרייהייט און ברויט. אָט דערפאַר שליסט זיך איין דאָס דאָזיקע

---

*) האָריאַ — רומענישער נאַציאָנאַלער העלד פון דער פּויערים־רעוואָלוציע פון 1784.

ליד זייער לאָגיש אין קובי וואָהלס עכטער סאָציאַלער דיכטונג און אַ דאַנק זיין טעמאַטיק רופט זיך עס וועג־ווייזעריש איבער מיט אַלע אונדזערע היימישע יונגע דיכטער, וואָס דערקלערן זיך פאַר זיינע חברים און מיטשפּאַנערס.

כאָטש קובי וואָהלס דיכטעריש וואָרט האָט נישט געצויגן קיין יניקה פון די יידיש־ליטעראַרישע קוואַלן, נייערט זיך געכאָוועט אויף דער רעוואָלוציאָנערער דייטשער דיכטונג, איז ער פונדעסט־וועגן אַ ליבלעכער קרוב מיט די אַמעריקאַנער יידישע פּראָלעטפּע־ניקעס, וועלכע זענען יורשים אין דירעקטער ליניע פון אונדזערע ערשטע רעוואָלוציאָנערע דיכטער: ראָזענפעלד, עדלשטאַט און באָוו־שאָווער. וואָהלס האַמערנדיקער ריטם, פלאַמיקער טעמפּעראַמענט און בונטאַרישער טאָן שטיצן אונדזער באַהויפּטונג.

זיין פולבלוטיקער טאַלאַנט, וועלכער איז געווען באַוויגן פון אומרו, אומרו וואָס באַפרוכפּערט, האָט זיך אַנגעשפּאַרט אין אַ פעסטן, אומבויגזאַמען ערלעכן כאַראַקטער וועמענס אייגנשאַפטן זענען געווען: זעלבסטמאַנונג, געוויסנהאַפטיקייט און סאָציאַלע אח־ריות. אַט אַזוי האָט ער איינפאַך־מענטשלעך אַריינגעזונגען זיין איי־גנאַרטיק פלאַמיק ליד אין דער זיך סאָציאַל־אָריענטירנדיקער יונגער יידישער ליטעראַטור פון רומעניע.

☆

כאָטש ס׳איז נאָך קיין אַכט וואָכן נישט פאַריבער זינט דער טויט האָט אַרויסגעריסן קובי וואָהל פון אונדזער יונגער שרייבער־משפחה, קומט שוין די אכזריותדיקע פאַרגעסנקייט און פרוווט פאַרשפּינען אַ־די אונדז אַלעמען ליבע צוויי קלאַנגען: קובי וואָהל.

אונדזער עלנט און טרויער, פון די ביטערע שווערע אומשטענדן אַרויפגעצוווּנגענע אָפּגעלאָזנקייט האָבן אונדז אַזוי געפּענטעט, אַז מיר קענען אַפילו נישט רעכט טרויערן, עפּנטלעך דעמאָנסטראַטיוו דערמאָנען מיט ליבע און פאַרערונג אַ דיכטער, וועלכער איז אַזוי

פריצייטיק — קוים פיר און צוואַנציק יאָר אַלט — פאַרשניטן געוואָרן פון אונדזערע רייען.

זאָלן מיינע שורות, מיט וועלכע איך האָב אים געפּרוווט כאַראַקטעריזירן, זיין דערמאָנונגס־שטריכן צו זיין פּאָרטרעט, וועלכן מיר וועלן איינרעמען מיט ליבע אין דער געשיכטע פון דער יידישער דיכטונג אין רומעניע.

„שויבן", בוקאַרעשט, 1933

יוליאַן שוואַרץ

קערנדיקייט און אימאַזש

דער דיכטער פון דער באַעוולטער און ברודערישער וועלט קובי וואָהל

27 דעצעמבער 1935. אַ קאַלטער, טריבער פרייטיק נאָכמיטאָג, פון אויבן פאַלן פוכיקע, ווייסע שנייעלער. זיי פלעכטן זיך שטיל אין דער לופטן, פאַלן און צעקייקלען קלאָר־ווייסע ליילעכער איבער די הויפן, פאַרהילן די גאַס אין פוכיקע קליידער.

אויף אַ בערגל שליטלען זיך חברה: פרישע, יונגע. טומלען זיי, לויפן אַרום. דערוואַרעמען זיך, וואַרפן פון זיך אַראָפּ די אויבערשטע ווינטער־קליידער.

דאָ און דאָרט ווערט ליכטיק אין די שטיבער. ווי אַן אָנזאָג אַז די נאַכט פאַלט צו און קינדער דאַרפן אַהיימגיין.

פון אַ פענצטער קוקט אַרויס אַ ליכט וואָס זעט אויס ווי אַ ווונד, ווי אַ פיבער־פלעק. אין שטוב, ביי אַ שוואַכן ליכט, וועמענס שטראַלן זעען אויס ווי בלוט־רויטע פאַסן אויף די ווענט, וויינט אַ מאַמע. זייט פיר חדשים ליגט שוין קראַנק איר זון, דער יונגער דיכטער קובי וואָהל און ראַנגלט זיך מיטן טויט. די מאַמע האָט שוין אַלץ געטאָן כדי אים צו ראַטעווען: פאַרזעצט, אויספאַרקויפט כמעט אַלץ פון שטוב.

פלוצעם, ווי אַן אָדלער צעשפּרייט די פליגל צו פליען, שטרעקט אויס דער קראַנקער זיין לאַנגן, מאָגערן גוף, די ציטערנדיקע הענט זיינע... און ער ליגט שוין פאַרקרעמפּט — אַ באַזיגטער. דער שטומער שליח איינגעהילט אין גרויע שלייערן האָט גערופן, און „אַז מע רופט, מוז מען גיין".

אין זיין וויזיע „פינאַל", האָט קובי וואָהל, דער דיכטער מיט ווערדע, באַוווסטזיין, אַזוי געזאָגט זיין סוף:

„ס'איז באַלד צו ענד,
פאַרלעשט די לאָמפּן,
און די פענצטער פאַרהענגט!
זאָל דער שונא נישט מיט זשעדנע בליקן,
זיך מיט יונגן אָדלערס שטאַרבן קוויקן."

דער טויט האָט אויסגעשלאָסן די פונקען, וואָס האָבן געזאָלט ווערן העלע פלאַמען. אין עלטער פון 24 יאָר, איז פאַרשניטן געוואָרן



קוביס זיידע פון מוטערס צד
Kubis Grossvater mütterlicherseits

קובי וואָהל'ס לעבן, דער צער און טרויער האָט אַרומגענומען די שווער געפּרוווטע משפּחה און זיינע פריינט.

דער לעבעדיקער קובי וואָהל שטייט מיר פאַר די אויגן: אַ הויכער,

שלאַנקער, מיט ברענענדיקע אויגן, אַ לענגלעך פּנים, אַ טשופּרינע שוואַרצע האָר, לאַנגע, דאַרע פינגער, אַ קרעפּטיקע שטימע, אַ קול נגינה, אַ הילכיק געלעכטער, ער איז געווען אָנגעזאַפּט מיט האָפענונ־גען און געחלומט פון אַ צייט, ווען אַלע מענטשן, פריי פון יאָך און מלחמות, וועלן זיין ווי ברידער. דערפאַר איז זיין ליד דערגאַנגען צו די אַלע וועמענס ווייטיק ער האָט אויסגעשריגן, צעברענט אין זייַ פּראָטעסט, באַלויכטן זיי מיט גלויבן און האָפענונג אין אַ בעסערער, שענערער וועלט.

קובי וואָהל איז געבוירן דעם 31־טן אויגוסט 1911, אין ציבעו, באָרשער געגנט, מאַראַמורעש. זיין פאָטער, אַ תלמיד חכם, האָט צוליב פּרנסה, נאָך עטלעכע יאָר, זיך געמוזט איבערציען אין דעם בוקאָווינער באַרגשטעטל קימפּולונג. אָבער אין קובי וואָהל׳ס לידער זעען מיר נישט די הויכע בערג וואָס גאַרטלען אַרום דאָס שטעטל, די גרינע וועלדער וואָס רינגלען עס אַרום. מיר הערן נישט די טאָ־לאָנקעס, גלעקלעך אָנגעהאָנגען אויף די העלדזער פון די שאָף און רינדער בעת זיי קערן זיך אום פון דער פּאַשע, פונעם פעלד, נאָר מיר הערן די אַלטע, דורותדיקע, טרויער־זיסע, רומענישע דאָינע.

די צייט אין וועלכער קובי וואָהל האָט געלעבט, איז געווען אַ צייט פון טיפע עקאָנאָמישע און מאָראַלישע קריזיסן. אַ צייט פון דערשלאָ־גנקייט, אָן האָפענונג. דער דיכטער דערהערט די שטים פון הונגער:

„דאָס שטיל געוויין פון קליינע קינדער,
אין פייכטע שטיבער, אונטער פוילע דעכער,
דעם צער פון פנימער פאַרקרימטע,
ציינער קריצן פון די קעלער־לעכער״.

(הונגער)

קובי וואָהל האָט געווייטיקט פאַר עוולות. געשטורעמט קעגן אומ־רעכט. מיט האַרצווייטיק מאָלט ער אין זיין ליד „האָריאַ״, דאָס שווערע לעבן פון אָרעמען פויער:

„...היינט שטייען מיר נאָך געשפּאַנט אין יאָכן,
איבער אונדזערע שטיבער לויערט הונגער, טויט,
און ס׳צאַנקט דאָס דאָרף אין פּיבער־פלעקן רויט״.
(„האָריאַ״.)

דאָס אומדערטרעגלעכע לעבן פון שטאָטישע מאַסן, זעען מיר ווי אין אַ קאַלעידאָסקאָפּ אין קובי וואָהלס „ראָסקאָפּ־פּאַטענט״ (פּראָקלאַמאַציע).

דו אַרבעטסט טעג —
לוין אין אַקאָרד,
מאַכסט איבער־שעה,
שטייסט איינגעשפּאַנט,
נאָר סע סטייעט נישט...

די לעצטע ציך
פון אונטערן קאָפּ
רייסט דיר אַוועק
דאָס דירה־געלט.
סע סטייעט נישט,
סע סטייעט נישט.

און גיב אַ פּרווו
און גיב אַ ברום,
ווערסטו אויף גיך
אַרויסגעשטעלט.
בלייבסט אַרבעטסלאָז,
מוזט זיצן שטיל.״

דערפאַר רופט און וועקט דער דיכטער, צו רייסן אימפּעטיק דעם יאָך:

לאָז ווערן שוין
דיין ווילן ווילד,
גיב מיט דער האַנט
אין טיש אַ באַך,
רייס אימפּעטיק
פון האַלדז דעם יאָך"

ווייל די מאָס פון ליידן איז פול, רופט ער צאָרנדיק די געקרענקטע און באַליידיקטע, ווערט דער דיכטער ברוּיזנדיקער, אָקעאַן, שטורעמ־ווינט, וואַרפט זיך אַ צעווילדעוועטער איבער שטעט און גאַסן, און צינדט אָן ווי אַ פאַקל, די אומגעדולד פון מאַסן:

דעם האַמער פּאַק
מיט פעסטן גריף,
און גיב דער האַק
דעם לעצטן שליף
און שטורעם אַרויס..."

(„ראָסקאָפ־פּאַטענט")

קובי וואָהל האָט באַנומען דיכטונג ווי אַן אָרגאַנישן עלעמענט פון קאַמף קעגן דאָס שלעכטע און בייזע. ער דערגרייכט אינטענסיווקייט פון אויסדרוק, פּאַטאָס, אין זיין אַנטי־מלחמה ליד „אויגוסט 1914" (קריג):

„טויט־שטילקייט אַרום.
נאַכט ליגט אַ שוואַרצע, צעשפּרייטע,
אויפן האַרץ פון דער וועלט
און פּלוצעם... פון שטאַרקע און מעכטיקע לאַפּעס
ווערן געשליידערט געצונדענע פאַקלען
אַריין אין דער נאַכט:

קריג! דערוואַכט!"
עס פאַרבט זיך דער הימל — אַ בלוטיקער ים.
די נאַכט רוקט זיך אָפּ מיט טויטיקן סם.
פאַרסמט די הע רצער פון קליין און פון גרויס,
שפּייט פון טויזנטער שטעט פון הונדערטער לענדער
מיליאָנען מענטשן פון גריבער אַרויס,
קריג!

— — — — — — — — — — — — — — —

ברייט עפענען זיך טויערן פון ריזן־פאַבריקן
און ס'יאָגן דורך וועגן און שליאַכן און בריקן
טויזנט געשפּענסטער, מיט שטאָלענע גלידער,
און הויבן זיך הויך מיט גערויש".

(„אויגוסט 1914")

קובי וואָהלס ליד איז צייטמעסיק, ערלער, דינאַמיש. לעבן זיינע לידער, מאַכן מיר מיט אַ פראַגמענט פון דער געשיכטע אין קאַמף פון די אַרבעטנדיקע אין רומעניע. זיין פערז איז קורץ, עליפּטיש ווי אַ באַפעל, זיין וואָרט־קערנדיק און האַרט.

דער דיכטער האָט אַ וואַרעם, ליב האַרץ, אַ ריין געוויסן, אַ הויכן אידעאַל, אַ טיפן גלויבן אין אַ ליכטיקן מאָרגן, ווען אַ וועלט מיט מענטשן, וועט גיין האַנט אין האַנט אַהין, וווּ איבער יעדן אָפּגרונט האָט מען אַ בריק אַריבערגעוואָרפן.

אין קובי וואָהלס ליד „אומדזערע העלדן", שילדערט ער די אומבאַקאַנטע העלדן, וועלכע זענען די בריקן אויף וועלכע מען שפּאַנט צו אַ נייער וועלט.

זיינע לידער האָט ער פאַרעפנטלעכט אין סיגעטער „אויפגאַנג" אין די „טשערנאָוויצער בלעטער" און אַנדערע פּעריאָדישע אויס־גאַבעס פון אויסלאַנד ווי למשל „ליטעראַרישע בלעטער" פון וואַרשע. אייניקע פון זיינע לידער האָט מען איבערגעזעצט אויף רומעניש, און אַנדערע האָבן באַקומען אַ תיקון אויף דער בינע, אין שמחה

שוואַרצס קלײנקונסט טעאַטער „קאַמעלעאָן". אין משה בראָדערזאָנס „אזאזעל" פון לאָדזש, פוילן.

מען קאָן אין אַ געװיסער מאָס זאָגן װעגן קובי װאָהל עפּעס פון דעם, װאָס ער האָט געשריבן צו אַנדי באַרביס טויט:

„דאָרט װו סע קרײצן זיך װעגן,
שטײען נביאים דערהויבן,
און אײן האַנט דער לײכטנדער פּאַקל,
אין דער צװײטער — די שטאָלענע שװערד —
לאָמיר הײנט בײגן טיפער.
טיפער די פּאָנען צו דער ערד."

דער פּאַקל איז פאַרלאָשן געװאָרן נאָך אײדער ער האָט זיך צעלויכטן, און די שװערד — די שװערד האָט איבערגעשניטן זײן אײגן 24 יאָריק לעבן.

„...אונדזערע העלדן שמידט מען אין קײטן
און זײער לעבן ענדיקט בײ דער װאַנט.
מיט דעם װאָרט „פרײהײט" אויף די ליפּן
קײקלען זײערע קעפּ זיך אין זאַמד".

דער ציטאַט איז פון ליד „אונדזערע העלדן". דאַכט זיך, אײנס פון די לעצטע שאַפונגען זײנע.

צוליב זײנע לידער, איז קובי װאָהל אויסגעשטאַנען די רדיפות פון דער פּאָליצײ נישט נאָר בײם לעבן...

צוליב זײנע װיזיעס און לידער, מיט זײן טאַלאַנט און יוגנטלעכן אידעאַליזם, האָט קובי װאָהל בײגעשטײערט צו דער מיט מסירת-נפש קאָנסאָלידירטער יונגער יידישער פּראָגרעסיװער קולטור אין רומעניע.

קובי װאָהל האָט מיטגעהאָלפן דערגענצן די יונגע שרײבער-

פלעיאַדע פון לאַנד, אין אַ צייט ווען די יידישע פּראָגרעסיווע קולטור פון רומעניע, אירע שעפער און טרעגער, זענען גייסטיק און עקאָנאָמיש, אויף שריט און טריט, אכזריותדיק פאַרפּאָלגט געוואָרן.

„קריטעריאָן", בוקאַרעשט, 1975

יעקב פרידמאַן

אַ לבנה־נאַכט אין מיין היים

געלייענט אויפן אָוונט צום צענטן יאָרצייט
פונעם דיכטער קובי וואָהל,
בוקאַרעשט, 12 יאַנואַר 1945.

ס'האָט לבנה מיט זילבערנע פינגער
אויפגעדעקט דעם קאַרשנבוים ביים שויב,
אין נעסט ־ צוויי שלאָפנדיקע שוואַלבן,
און אין טויבנשלאַק ־ אַ טורטלדיקע טויב...

שפּעטער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיין קישן מיר
צוקאָפּנס,
און איבער מיר די שפּיצן פון קאַקטוס,
אַ דזשונגל־בילד האָט זיך נעבלדיק צעשימערט,
און די מאַלפּע די ווייסינקע פון גלאָז.

און פונקט אַנטקעגן ־ לודוויג וואַן בעטהאָוון,
ס'שטייט זיין ביוסט שטענדיק ביי מיין בעט...
איצט שפּינט אַ שטראַל פון אים אַ וועג צום ווינקל,
ס'הענגט פון זיידן מיינעם דאָרטן דער פּאָרטרעט.

מיין עלטער זיידע און לעבן אים די באָבע,
זיי גייען צו דער חופּה צוריק מיט הונדערט יאָר.
איצט שטייט לבנה פונקט ביים וויגל, שטראַליק,
און באַשיינט מיין זונדעלעס לויכטנדיקע האָר.

זע, ווי זי האָט אָפּגעווישט די גרענעצן פון צייטן,
ניט קיין דרייסיק יאָרטויזנטער כ'בין אַלט...
...ס'איז אַ נאַכט לבנהדיק ערגעץ אינעם דזשונגל,
און איך אַ מאַלפּע אויף אַ צווייגל אינעם וואַלד...

ס'גייט דער שטורעם מיט בליצן דורך וועלדער,
און ס'ציטערן הירשן דערשראָקענע אין געביש...
אין אַ הייל אַ טונקעלער, אַן אַלטער,
איך שטיי, אַ יעגער מיט אַ שפּיז...

זע, ווי ס'לויפן יאָרן הונדערטער, טויזנטער...
ביי קוואַלן רוישיקע איך פּאַשע שאָף און פי...
ווער זשע האָט באַשאַפן די ערשטע פלייט פון פּאַסטוך,
און צום ליד באַפוילן די פליגל שפּרייט און פלי...

וווּ אַהין זשע הייבט דער פּאַסטוך פאַרבענקטע
זיינע אויגן
ווי אַ אָדלער הייבט דאָס ליד זיך און ס'פליט...
אין דזשונגל ערגעץ טאַנצט אַ מאַלפּע איבער צווייגן
און אַנטקעגן שפּאַנט בעטהאָוון מיט זיין ליד...

ער שפּאַנט אין מיר... און אין מיר די מאַלפּע,
אין מיר די וועלט און דורות־גאַנג...
אין מיר די וועלט און דורות־גאַנג...
און איך בלייב אַליין מיט מיין געזאַנג.

איקוף־בלעטער, נר. 1, 18.3.1946

ווערא האַקען

פיר זומערן — מיט קובי וואָהל

„טשעקאָווע, ווי זעסטו אויס אין ווינטער, ווערא ?"

אַזוי האָט מיך אַמאָל, מיט אַ שטיפערישן לאַך, געפרעגט קובי וואָהל, ווייל מוניו און איך, ערשט נישט לאַנג חתונה־געהאַטע, האָבן פאַרבראַכט די ווינטערדיקע חדשים אין פראַג, וווּ מיר האָבן שטודירט און אין דער היים, אין אונדזער שטאָט טשערנאָוויץ זענען מיר געווען שוין נאָר זומער־געסט — אויף וואַקאַציע.

ווי אַ שטורעמווינט איז קובי וואָהל אַריין אין אונדזער לעבן, אין אונדזער קרייז. דאָס איז געווען זומער 1932 און סאַראַ פאַרכישופ־טער, פריילעכער, פאַרליבטער זומער איז דאָס געווען! נאָך האָט זיך עס אונדז אויסגעוויזן אַז די שווערע וואָלקנס פון דער נאָענטער ברוינער סכנה, זענען נאָר וואָלקנס און נישט מער. ס'האָט זיך אַלץ נאָך נישט געגלויבט אַז מען מיינט אונדז... מען איז געווען יונג און לעבן און אין ליבן־זיך און אין זיך אַליין און איינער אינעם צווייטן אין יענעם אומפאַרגעסלעכן זומער 1932 !

סע האָבן זיך באַוויזן דריי נייע געשטאַלטן צווישן אונדז: פון באַסאַראַביע זענען אַראָפּגעקומען צוויי שיינע, יונגע מיידלעך: קעניע — אַ סטודענטקע און דאָרע.

קעניע — אַ שטילענקע, מיט רויטע בעקעלעך, מיט אַ רויקן, קלוגן שמייכעלע אויף די פרישע, דינע ליפּעלעך און דאָרע — פּויערלעך־שיין, פול מיט אַ וויברירנדיקן, געזונטן, שטאַרקן אַנימאַליזם. זי האָט צוגעצויגן צו זיך מיט אַ געוואַלטיקן עראָטישן כוח און כאָטש נאָך יונג אין יאָרן — איז זי געווען שוין ווייב.

די גאַנצע חברה אונדזערע, דיכטער, שרייבער, סתם פאַרחלומטע

בטלנים האָבן זיך באַלד אויפגעטיילט אין צוויי „לאַגערן״ : די וואָס האָבן זיך פאַרליבט אין קעניע און די אַנדערע וואָס האָבן געשטרעבט צו דאָראַן.



דאָרע — קוביס פרוי
Dora — Kubis Gattin

קובי וואָהל (אַליין אויך אַ צוגעקומענער פון זיין שיינעם קימ־פולוג) האָט באַלד באַהערשט דאָראַן. און קעניע איז באַלד געוואָרן „יאַנקעלעס״. ס׳איז געוואָרן אַ פאַקט אַז קעניע און דער פּאָעט יעקב פרידמאַן ז״ל, זענען איינס און נישטאָ וואָס ווייטער צו האָפן און צו רעדן. און ביז צו זיין טויט זענען זיי געבליבן „איינס״.

די צוויי קראַסאַוויצעס זענען, הייסט עס, געווען „פאַרלוירן״ פאַר אַלע. אָבער די ראָמאַנטיש־סענטימענטאַלע פאַרליבטקייט־שטי־מונג פון יענעם זומער איז געבליבן דעם גאַנצן זומער, און מ׳האָט

געגאַסן דעם כּישוף און דאָס שפּיל פון די הייסע טעג און נעכט אין אונדזער טשערנאָוויץ.

אונדזער שטאָט האָט געבליט. און נישט נאָר מיט בעז און מיט אַקאַציעס און קאַשטאַנען־ביימער אין אירע פּאַרקן און אויף די סקווערן — נאָר געבליט האָט טשערנאָוויץ מיט יידישער פּאָעזיע און יידיש־דייטשער ליריק וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום אונדז.

גרויסע דיכטער — יידיש — און אויך דייטש־שרייבנדיקע האָבן געלעבט און געווירקט צווישן אונדז אין יענע יאָרן.

די צוויי גיגאַנטן־שטיינבאַרג און מאַנגער — האָבן אונדז דע־מאָלט געהאַלטן אין אַ שטענדיקער, אַטעמלאָזער באַגייסטערונג — מיט זייערע משלים און באַלאַדעס. און אַ חוץ די צוויי „גרויסע" האָט זיך שוין געלאָזט דערקענען דער נאָכוווּקס: פרידמאַן, קאַזשבער, לערנער, וויינינגער און די „דייטשן": ראָזע אויסלענדער, ראָזענ־קראַנץ, באַרגול־פּערגער, קינסטנער,, גאָנג, און שפּעטער, דער יונגער סעלאַן. מ׳האָט שפּאַצירט אין די גרין־שאָטנדיקע, פּאַרחלומטע, שטילע אַלייען פון דעם שיינעם, אַלטן פּאַרק מיט דעם קייסערלעכן נאָמען: האַבסבורג־פּרעהע און מ׳האָט געפירט געשפּרעכן אָן אַ סוף, זיך געלאָזט טרייבן פון די זומערדיקע שטימונגען און געלעבט אַ פול לעבן.

קובי וואָהל איז געווען אַ נייער צווישן אונדז. מיר האָבן אים געזען ווי אַן איינציקן, אַנדערשדיקן, ווייל זיינע לידער זענען נישט געווען אין דער ליניע און נישט אין דער יונגער טראַדיציע פון ליריזם און ראָמאַנטיק. אין וועלכער ס׳האָבן געשאַפן די אַנדערע; קובי האָט אונדז אַלע איבעראַשט מיט דעם רעבעליש־צאָרנדיקן קלאַנג פון זיינע פערזן, וואָס האָבן גערופן צום פּראָטעסט און צום קאַמף קעגן דעם אומרעכט און הונגער אויף דער וועלט! דיקטירט פון זיין אייביק וואַכן, סענסיטיוון סאָציאַלן געוויסן, האָט ער אַריינ־גענומען אין זיך דאָס גאַנצע וועלט־אומגליק און אַרויסגעשריגן זיין צאָרן:

איך קום צו אייך ברידער
פון די טיפענישן וועלכע זענען
טאַקע אין אייך אַליין
און כ'טראַג דעם שטורעם אין מיין מויל
ווי אַ וועקרוף.

(צוואה)

אין יענעם זומער איז קובי אָבער אַרומגעגאַנגען אַ שיכורער פון פאַרליבטקייט: דאָרע איז געוואָרן זיין „פיין און זיין לוסט". זיי האָבן באַלד חתונה געהאַט. אָבער אויך אין זייער ווייטערדיקן לעבן איז זי געבליבן זיין אינערלעכער פיין. זיינע איבערלעבונגען וועגן דאָרע האָבן זיך אַפילו נאָך דער חתונה אויך נישט איינגעשטילט.

איך געדענק ווי איך האָבן אים געפרעגט:

„גייסט אַרום ווי נישט קיין היגער. ביסט פאַרליבט איבער די אויערן. איז וווּ זשע זענען דיינע ליבע-לידער? ווי קומט עס, אַז דו זינגסט נישט פון דיין גרויסער ליבע אין הונדערט הייסע ליבע-לידער?"

„יאָ, זאָגט ער מיר דערויף, ס'וואָלט זיך געוואָלט זינגען און באַזינגען מיין פיין און מיין לוסט אין הונדערט לירישע געזאַנגען... אָבער, ווייסטו דען נישט, אַז ליריק, און ליבעגעזאַנגען וואָלטן איצט געווען פאַר מיר אַ מין זינדיקער לוקסוס. ס'איז איצט נישט די צייט צו שרייבן ליבע-לידער. כל-זמן הונגעריקע קינדער שטרעקן אויס זייערע מאָגערע הענטעלעך און בעטן ביי דער מאַמען אַ שטיקלע ברויט און די מאַמע האָט נישט זיי צו דערלאַנגען — מוז איך אויס-שרייען זייער געשריי, אויסזינגען זייער נויט".

כמעט יעדן טאָג פלעג ער קומען צו אונדז, אין מיין טאַטנס שטוב. שעהען אָן ענד זענען מוניו און איך געזעסן און זיך צוגעהערט צו זיין פירלייענען פאַר אונדז זיינע לידער, זיינע מאָנאָלאָגן. וואָרעם דאָס זענען טאַקע געווען מאָנאָלאָגן — אין אַ האַמלעטישן נוסח פול מיט טיפע איבערלעבענישן און צווייפל און קאָנפליקטן. אַריינ-קומען פלעג ער מיט אַ געשריי, שטענדיק מיט אַ נייעם פּראָטעסט,

מיט אַ שפּאָגל־נייער עמפּערונג קעגן עפּעס וואָס אומרעכטס אין דערוו עלט. און די וועלט האָט דאָך נישט געקאַרגט מיט אומרעכט. קומען פלעג ער גאַנץ פרי, אָדער גאַנץ שפּעט אין אָוונט און זיך באַזעצן אויף שעהען און שעהען — נישט קוקנדיק אויף מיין מאַמעס שטרענגער, אומצופרידענער מינע.

זי האָט זיך געקלאָגט: „דער נייער פריינד אייערער — ער איז דאָך באמת אַ ווילדער! ער שטורעמט אַריין אין שטוב, פרעגט נישט, צי ס׳איז אַ רעכטע צייט צו קומען צו גאַסט, צי אפשר נישט, הויבט אָן געוואַלדעווען, דעקלאַמירט, אַז מען קאָן אים הערן אויף הונדערט מייל די ווייט... נו, זאָגט אַליין, איז דאָס אַ מאַניר פון אַן אָנשטענדיקן מענטשן?״

אָבער באַלד איז מיין קאָנווענציאָנעלע, שטרענגע מאַמעלע אויך אַרונטערגעפאַלן אונטער זיין צויבער.

„אַ ווילדער בין איך? שרייט ער צו איר, אַ ווילדער, זאָגט איר? יאָ, פרוי דאָקטאָר אַלטמאַן, אמת, אמת!! אָבער ווער וועט נישט אַזאַ ווילדער ווי איך קאָן זיך אַזוי ווילד פאַרליבן אין אייער חן? ווען פון אייערע הויך־ציוויליזירטע צירלעך־מאַנירלעכע פאַרשוינים האָט שוין אַמאָל אָפּגעשאַצט ווי סע דאַרף צו זיין אייער קלוג שמייכעלע? די טונקעלע אויגעלעך הינטער די ברילן? אייער איראָניש לאַכעלע?״ געזאָגט, און זי אַרומגענומען און זיך געלאָזט אין אַ טאַנגאָ מיט איר — נישט קוקנדיק אויף אירע לוסטיקע פּראָטעסטן. זי האָט פּראָטעסטירט — אָבער שוין אַ באַזיגטע.

מיינע עלטערן האָבן זיך שוין לאַנג פאַרליבט אין אים — ווי מיר אַלע. אָט זע איך אים פאַר מיינע אויגן:

אַ הויכע, שלאַנקע געשטאַלט. פּעכשוואַרצע, געדיכטע, ווילדע האָר... אַ צעשויבערטע טשופּרינע איבער אַ שמאָלן שטערן.

ברענענדיק־שוואַרצע, זוכנדיקע, לויכטנדיקע אויגן. אַן איידל־געבויגענע, אַריסטאָקראַטישע נאָז. די אונטערליפּ אַרויסגעשפּאַרט אויף פאָרנט, דאָס גיט דעם גאַנצן שיינעם פּנים אַן אויסדרוק פון קינדערישקייט און שפּילעוודיקייט.

„מיין קאַ־אונד־קאַ ליפּ זאָגט ער לאַכנדיק, מיין קייסערלער־און־קעניגלעכע האַבסבורג־ליפּ.״

אויפן קאָפּ — אַ ברייטן קאַפּעליוש און אונטער דעם קאָלנער פון זיין העמד — אַ זיידענע „מאַשע״ (אַ באַנט) אַ לאַ די פראַנצויזישע אימפּרעסיאָניסטן פון דער פּאַריזער באָהעמע.

דאָס רעקל נאָכלעסיק און דאָך עלעגאַנט איבערגעוואָרפן איבער די ברייטע, יונגע פּלייצעס ממש אַ פּרינץ — אָט אַזוי איז ער אַריין צו אונדז.

די גאַנצע יונגע פּלעיאַדע דיכטער און שרייבער, די יידישע, ווי אויך די דייטש־שרייבנדיקע — אַלע זענען געווען אונטער זיין מעכטיקן צויבער. זיינע לידער זענען נישט געווען פּראָגראַמאַטישע און מ׳האָט זיי נישט געקענט קאַטעגאָריזירן ווי „טענדענציעזע״ אָדער „סאָציאַלע״. די נביאים פון יענע יאָרן (דייטשע) זענען געווען: בערט ברעכט, יאָהאַנעס בעכער, עריק מיזאַם, און אַנדערע, וואָס האָבן זיך אַליין גערופן „פלאַקאַטן־דיכטער״. זיי זענען אַלע געווען תלמידים און חסידים פון דעם רוסישן גיגאַנט — מאַיאַקאָווסקי.

זיי האָבן שטאָלצירט מיט דער סאָציאַלער שטרענג־אָביעקטיווער דיסציפּלין און דירעקטקייט פון זייערע קלאָרע, פּאָליטישע, מאַניפעסטן־אַרטיקע לידער. אָבער קובי וואָהל האָט אין זיינע לידער אַריינגעלייגט זיין גאַנצן צאָרן, אין זיינע שורות האָט זיך געהערט דער שריי פון פּיין, די אייגענע, טיפע עמאָציאָנאַליטעט האָט געגעבן דעם לייטמאָטיוו צו זיינע ריכטונגען. ער האָט נישט געוויזן אין זיי דעם וועג. ער האָט גערופן צום פּראָטעסט און צום קאַמף, אָבער, אין קאָנטראַסט צו די אויבן אָנגערופענע פּאָעטן פון אונדזער צייט, האָט ער נישט פאָרגעשריבן וויאַזוי און אויף וואָס פאַר אַ וועג מען דאַרף גיין, כדי צו קומען צו דעם אַלגעמיינעם ציל — צו גערעכטיקייט און זאַטקייט פאַר אַלע.

ער איז געווען טיף באַאיינדרוקט פון די סאָציאַלע דיכטער. ער האָט זיי אָפט און מיט פּאַטאָס דעקלאַמירט פאַר אונדז. אָבער ער איז ווייטער געגאַנגען זיין אייגענעם, עמאָציאָנעלן וועג אין זיינע לידער.

אַנהויבנדיק פון יענעם זומער 1932 און אין די פאָלגנדיקע 3 זומער ביז צו זיין פריען טויט (דעצעמבער, 1935) זענען מיר געבליבן אין אַ שטענדיקן, אינטימען קאָנטאַקט מיט קובין. פון פּראָג האָבן מיר זיך רעגלמעסיק איבערגעשריבן מיט אים. זיינע בריוו האָבן ביי אונדז אַרויסגערופן דעם זעלבן שטאַרקן, עמאָציאָנעלן עכאָ, ווי די געשפּרעכן מיט אים. ער האָט — אין זיינע בריוו ווייניק וואָס דערציילט וועגן זיך און דאַרען. ווי אויך אין די געשפּרעכן, זיצנדיק ביי מיינע עלטערן אין שטוב, אָדער שפּאַצירנדיק אויף אונדזער געליבטער האַבסבורגס־העהע, האָט ער „פאַרזאָרגט די וועלט" און געשריבן הייס, פּאַטעטיש, שטענדיק מיט זיין סענסיטיוון וועלט־געוויסן גאַנץ וואַך און גרייט צו רעבעלירן. איך האָב געהאַלטן זיינע וואונדערלעכע בריוו ווי אַן אוצר. אָבער זיי זענען פאַרלוירן געגאַנגען, פאַרברענט געוואָרן מיט אַלע אונדזערע יידישע אוצרות — אין דער צייט פון אונדזער גרעסטן קאַטאַקליזם.

אין איינעם פון יענע זומערס איז קובי אַמאָל אַריין אין שטוב מיט אַ געשריי: „וועראַ, מוניו, וואָס טוט איר דאָ? איר עסט? לייגט אַוועק די גאָפּלען און די לעפל. נישטאָ קיין צייט צום עסן. לייענט, לייענט און טאַקע שוין, טאַקע די מינוט דעם „ערדגייסט". (אַ דראַמע פון וועדעקינד). איר מוזט עס לייענען. ס'איז אַ קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו פאַר אייך. וואָרעם אָט דער „ערדגייסט" זיינער, לולו, לולו" — דאָס איז דאָך — אַנו, ראָט: — ווער קאָן דאָס זיין?"

„קובי־לעבן, רוף איך אויס לאַכנדיק, באַרויק דיך — פון וואַנען זאָלן מיר וויסן וועמען וועדעקינד האָט געמיינט מיט דעם „ערדגייסט" מיט דיינעם, אַז מיר האָבן אים נאָך נישט געלייענט? האָב רחמנות, שריי נישט אַזוי. לאָז אונדז אָפּעסן דעם מאָלצייט און דערנאָך וועל איך נעמען דאָס ביכל אין דער ביבליאָטעק און דערנאָך..." „אוי, שרייט ער ווילד און וואַרפט מיר צו אַ בוך, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיין האַנט — אוי, כ'האָב געוווּסט אַז וועסט דאָס זאָגן... נאַ דיר, אָט האָב איך אייך געבראַכט די דראַמע... נישטאָ קיין תירוצים... לייענט, לייענט עס איבער און איך וועל ווידער קומען אין

אַ שעה... און מיר וועלן רעדן..." און ער איז ווי אַ וויכער אַרויס פון שטוב.

„איצט ווייסט איר שוין — ווּעמען ער באַשרייבט דאָ? דאָס איז דאָך מיין דאָרע, דאָרע, דאָרע — דער „ערדגייסט"!!! אוי, איר זענט דאָך נישט קיין בלינדע!! זעט איר דען נישט, אַז דאָס איז דאָרע?????? האָט, הייסט עס, געדאַרפט קומען דער פּראַגער גוי, ווּעדעקינד און מיר געבן צו פאַרשטיין ווער ס'איז מיין דאָרע!!!!! ביז היינט האָב איך, אידיאָט, איך נאַר זיך געגריבלט און געראָטן אויפן צימבל: ווער איז דאָרע? ווער איז דאָרע? ווי הויבט מען אָן זי צו באַנעמען? ווער און וואָס איז איז? אָט זאָגט ער מיר דאָ אויס דעם סוד: זי איז דער אייביקער ערדגייסט, זי איז די נאַטור. די גאַנצע, אומבאַזיגבאַרע נאַטור. און מען טאָר זי נישט זוכן אונטער די סטאַנדאַרטן פון ציוויליזאַציע, בשום אופן נישט. מען וועט זי דאָרט נישט געפונען. זי איז די ערד גופא! סע שמעקט פון איר מיט ערד, מיט גראָז, מיט סנאָפּעס פרישן היי! זי איז אַ סטיכישע געשטאַלט, נאַקעט און גרויס און שטאַרקער ווי אַלע אייערע און מיינע מאַניער־לעך. זי שפּייט אויף אונדז. זי איז דער ווינט אין פעלד, דער רעגן, וואָס פאַלט אַראָפּ פון די וואָלקנס. זי איז אייביק און גרויזאַם און גיט קיינעם נישט אָפּ קיין רעכענונג. זי לאָזט וואַקסן און זי צעשטערט אין אַ שטורעם דאָס, וואָס זי האָט געלאָזט וואַקסן. און קומען מיט מאַראַלישע פאָרווּרפן צו דעם „ערדגייסט" — איז לעכערלעך און סע ווייזט נאָר נאָך מער ווי הילפלאָז דער מענטש איז אַקעגן איר. און איך שלימזל, איך נאַר האָב געוואָלט זי אַריינשטופּן מיט געוואַלט, אָדער מיט מיינע נאַרישע, מאַכטלאָזן טרערן — אין דעם ענגן רעמעלע פון „קולטור". אָבער ווּעדעקינד האָט מיר אויפגעמאַכט די אויגן. פון היינט אָן קעמף איך נישט מער קעגן דעם אַלמעכטיקן פענאָמען דאָרע. זי מעג שוין טאָן וואָס זי וויל מיט מיר... איך בין איר אונטערמאַן, איר שקלאַף, נישט מער... דאָס איז געווען דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל, וואָס ער האָט גערעדט וועגן דאָרען

און פון זיין קאָמפּליצירטער באַציונג צו איר. מירביידע זענען געזעסן שטומע און זיך דערשיטערט צוגעהערט צו זיין מאָנאָלאָג.

אַן אַנדער מאָל שטורעמט ער אַריין אין שטוב און שרייט אויס אויף אַ קול: „איך האָב עס געפונען! איך האָב עס געפונען... דאָס איז דאָס וואָרט, וואָס איך האָב געזוכט אַזוי לאַנג און היינט איז עס דאָ — שוואַרץ אויף ווייס. הערט זיך איין...״ און ער שטעלט זיך אַוועק אין מיטן צימער, אין אַ טעאַטראַל־עקסטאַטישער פּאָזע און הויבט אָן דעקלאַמירן זיין נייעסטע ליד.

אַזוי וויל איך די ברידער דערוועקן צום קאַמף,
זייער נאַכטישן שלאָף פאַרשטערן.
די הערשער מיט קללה דערשלאָגן — די קנעכט
בענטשן צו ווידערשטאַנד שווערן...

(צוואה)

אָפּט מאָל — האָט קובי געפּרוּווט אונדז ביידע צו באַאיינפלוסן צו בייטן אונדזער סטיל פון שאַפן:

„שוין ווידער אַ לירישע נאָוועלע, ווערא? דיין נייע זאַך, „גרינע אויגן״ איז גאַנץ פיין אָנגעשריבן. סע לייענט זיך גלאַטיק... אָבער דאָס לעבן אַרום דיר בושעוועט מיט טויזנט שטורעמס! דאָס לעבן אַרום דיר איז גאָרנישט אַזוי „גלאַטיק״... איז פון וואָס שרייבסטו? וועגן וואָס שרייבסטו? די וועלט ברענט און זי שרייבט וועגן אַ פּאָר מיידלשע גרינע אויגן. זיצט און שרייבט, אַזוי ווי נישט זי מיינט מען. און וויל נישט וויסן, וויל נישט וויסן... נו, און טאַקע דו, ברודער מוניו? זינגסט אויס דיינע נגונים גלאַט אין דער וועלט אַריין. אמת, דיין רילקע־ליד גייט נישט אַרויס פון קאָפּ, ווער ס׳האָט עס געהערט, דער גייט שוין אַרום אויף אייביק אַ שיכורער פון דיין נגון און איך אַליין גיי אויף דער בכבודיקער הערצן־גאַסע און ברום עס אונטער אָן אַ סוף אָבער, מוניו טייערער, אַזאַ טאַלאַנט פאַרפליכט דיך צו זינגען אַנדערע לידער... אויף אַנדערע טעקסטן... אויף מיינע טעקסטן! זאָלן

דיינע לידער מיטרייסן מיט זייער מעכטיקן ריטם די מחנות מענטשן, וואָס דאַרפֿן אויפשטיין און גיין אין אַ מאַרש איבער די גאַסן פון דער גאַנצער וועלט. ווייז זיי מיט דיין ריטם, רוף זיי צו אַ דעמאָנ־סטראַציע, אויף באַריקאַדן! צינד זיי אָן מיט דיין געזאַנג „נוץ אויס דיין טאַלאַנט פאַר זיי, וואָס שטרעקן אויס זייערע הענט צו דיר. „צו אונדז, צו די יונגע שעפערישע כוחות פון אונדזער צייט, ליבע־לידער? שפּעטער, שפּעטער... איך אַליין וועל דיר ליפערן ליבע־לידער, אַ מיליאָן ליבע־לידער. און דו וועסט זיי פאַרטאָגנען. איצט איז אָבער נישט די צייט דערצו. איז לאָזט מיין היינטיק ליד צערייסן אייער שלאָף"...

קובי אין קרייז פון חברים
Kubi in Freundeskreis

מיר, זיינע פריינד, שרייבערס און פּאָעטן, האָבן צווישן זיך, קרי־טיקירט זיין האַלטן זיך, זיין סטיל — אין דער דיכטונג, ווי אויך אין לעבן. מיר האָבן קריטיקירט זיין טעאַטראַלישקייט, און מיר האָבן אָנגערופן „פּאָזע" זיין מאַניר צו דעקלאַמירן און זיך דערבייַ אַני־

דערשטעלן אין מיטן שטוב דראַמאַטיש־עפעקטפול, וואָס האָט אויסגעזען ווי איינשטודירט, ווי פאַר דער בינע.

ערשט מיט יאָרן שפּעטער, ווען קובי וואָהל איז שוין מער נישט געווען צווישן אונדז — ווען ער איז געוואָרן פאַר אונדז אַ ליבלעכע דערמאָנונג, ממש אַ סימבאָל פון אונדזער אייגענעם שטורעם־און־דראַנג — דערנאָך ערשט דאַן האָבן מיר באַגריפן, אַז אָט די טעאַטראַלישקייט זיינע און די „פּאָזע" — זענען געווען קובי וואָהל אַליין; אַן אינטימער, עכטער אויסדרוק פון זיין גאַנצן נפש. ער אַליין האָט אָפּטמאָל אָפּגעלאַכט פון זיינע צו רייכע, שטורמישע זשעסטן. ער האָט פאַרמאָגט הומאָר און איראָניזירנדיק אַנדערע האָט ער געקאָנט לאַכן מיט זיין גאַנצן אימפּעט — אויך פון זיך אַליין.

זע איך אים פאַר מיר: ער זיצט מיר צו פוסנס און רעדט. די שטוב איז אָנגעגעם פאַרטונקלט. די מאַמע האָט צוגעמאַכט די לאָדנס, כדי די נאָכמיטאָג־זון זאָל נישט אַריין אין צימער. ס'איז קיל און שטיל. קובי דעקלאַמירט אַ ליד זיינס. ער דעקלאַמירט גוט, דראַמאַטיש, קלאָר און מיט ברייטע, רייכע זשעסטן. דער עפעקט איז אַ היפּנאָטיש־אינטענסיווער. ער רייסט אונדז מיט, אי מיט דעם טעקסט, אי מיט זיין טעאַטראַלישקייט.

און די אָפּפלוסן קוקן
מיט פאַרשטאַרטע טייכן
ווי מיט פאַרגלעזטע אויגן
אין נעפּל זיך אַיין:
„האַ, די זון איז ווייט
און די וועלט אַזוי אַליין!!!"

(„ליד אין הערבסט־מאָלל")

אויף תמיד איז ביי מיר פאַרבליבן די דערמאָנונג פון יענעם שטילן נאָכמיטאָג, אין דעם פאַרטונקלטן צימער, און די לעצטע צוויי שורות פון זיין ליד:

„אַ, די זאַנע איסט ווייט און די וועלט זאָ אַליין...״

אַ מענטשלעכער פּאַקל איז ער געווען, וואָס טראָגט דעם פלאַם אין דער גאָרער וועלט און וויל אָנצינדן און צינדט טאַקע אָן אַ פייער אין די „אַנדערע״, די וואָס ביז צו אים, זענען זיי געבליבן „קאַלט און גלייכגילטיק״ קעגן דעם אומרעכט אַרום זיי. אין דעם זעלבן זומער פון זיין קורצן לעבן — זומער 1935 — האָבן מיר זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז אַט דער יונגער, נייער פּראָמעטעוס, דער פּאַסיאָ־נירטער טרובאַדור פון הונגער, נויט און אויסגעשטערעקטע קינדער־הענט, לעבט זיינע לעצטע חדשים. פון אים האָט אַלץ נאָך אויסגע־שטראַלט דער אַלטער כוח פון אַ יונגן נביא. זיך צוהערנדיק צו זיין פּאַטאָס האָט מען בשום אופן נישט געקאָנט אָנען, אַז דאָס זענען די לעצטע וואָכן פון זיין טייערן לעבן.

אָבער באַלד נאָכן זומער, אין האַרבסט, איז קובי אַוועקגעפאַלן מיט אַ סודותפולן פיבער. די דאָקטוירים האָבן זיך פאַרלוירן און זיי האָבן נישט געקאָנט געפונען די סיבה, דעם קוואַל פון וואַנען סע האָט זיך גענומען דאָס פיבער, וואָס האָט געהאַלטן אין פאַרברענען אונ־דזער פריינד.

ער האָט געצאַנקט ווי אַ ליכט אונטער אונדזערע אויגן. זיין משפחה האָט זיך פאַרצווייפלט געוואָרפן אין אַלע זייטן. גערופן קאָנסיליומס פון באַרימטע דאָקטוירים. מיין טאַטע איז אויך געווען צווישן זיי און, ווי זיי, האָט ער טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. האָט נישט געוווּסט, וואָס פאַר אַ פּלאָג דאָס איז און מ׳האָט געזוכט און געראָטן. סוף־כל־סוף, נאָך אַ סך וואָכן, האָט מען געפונען אַ נאָמען פאַר דער קרענק:

„גאַלאָפּירנדיקע שווינדזוכט״.

דאָס וואָרט „גאַלאָפּירנדיק״ איז געווען אַזוי ווי אַרויסגענומען פון קוביס אייגענעם לעקסיקאָן; ס׳איז געווען פּאַסיק פאַר אים, ס׳איז געווען אַ „קוביש״ וואָרט. אַ דיאַגנאָז איז, הייסט עס, שוין פאַראַן געווען. אָבער קיין רפואה האָט מען צו דעם נישט געהאַט. פון דעסט וועגן האָט מען געבראַכט אַ באַרימטן פּראָפעסאָר פון בוקאַרעשט.

ער האָט געשאָקלט מיט זיין באַרימטן קאָפּ, נישט קיין סך געזאָגט; אָבער פּאָרט געזאָגט צו דער משפּחה, אַז קיין גאַלאָפּירנדיקע שווינד־זוכט איז דאָס בפירוש נישט. אָבער ער האָט אויך נישט געזאָגט, וואָס דאָס איז — וואָס פאַרברענט דעם יונגן מענטשן אָן רחמנות... פיר טעג פאַר זיין טויט, אין דעצעמבער 1935, זענען מוניו און איך גע־שטאַנען ביי ביידע זייטן פון זיין בעט. ער האָט געהאַלטן אונדזערע הענט אין זיינע הייסע, פיבערדיקע, פייכטע, מאָגערע, שיינע הענט. זיין אָפּגעצערט פּנים אין יענעם ווינטער־מאָרגן איז געווען ערנסט און שטרענג.

מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז היינט זעט ער אויס בעסער, ווייל אויף זיינע באַקן האָט אויפגעפלאַמט אַ רויטע פאַרב. ס׳האָט זיך אַזוי געוואָלט האָפן... ער האָט צו אונדז גערעדט; שטיל איז געווען זיין קול, אָבער די ווערטער קלאָר: „מוניו האָט ער געזאָגט, דו וועסט פאַרטאָנען מיינע לידער. דאָס איז מיין לעצטער ווונטש״...

מוניו האָט געזאָגט, אַז ער וועט נאַטירלעך פּרוּוון פאַרטאָנען. און פּראָטעסטירט קעגן „דעם לעצטן ווּנטש״.

„הערט זיך איין, פּראָטעסטירט נישט, נישטאָ קיין צייט דערויף״.

דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן קאָפּ צו מיר:

„און דו, ווערא, דו זאָג מיר צו, אַז דו וועסט העלפן צונויפשטעלן מיין באַנד לידער און וועסט אָנשרייבן אַ פאָרוואָרט. זאָג מיר צו.״

„זיי רויק, קובילע, זיי רויק. איך זאָג דיר צו.״

איך געדענק, אַז דערביי איז געווען אויך קוביס פאָטערלעכער פריינד און מענטאָר יצחק פאַנער ע. ה. ער איז געזעסן ביים טיש און געטרונקען אַ גלעזל קאַווע.

ער האָט אונדז דערנאָך אַרויסגעפירט אין אַ צווייטער שטוב און אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן ווייטער צונויפנעמען געלט ביי פריינד; מען מוז נאָך ברענגען אַ צווייטן דאָקטאָר פון דער הויפּט־שטאָט. מען מוז אים ראַטעווען.

נישט מוניו און נישט איך האָב ביז היינט נישט געקאָנט אויספּולן אונדזער צוזאָג... מוניו זאָגט אַלץ נאָך, אַז קוביס לידער טראָגן אין

זיך זייער אייגענע, אָרגאַנישע מעלאָדיע און זיי רופן נישט צו קיין צווייטער פּאַרטאָנונג. און איך... איך דעק ערשט איצט מיין אַלטע חוב.

אַ סך וועט בלייבן נישט דערזאָגט אין מיין קאַפּיטל קובי. און ער אַליין האָט אויך אַ סך נישט דערזאָגט, נישט דערזונגען און נישט אויסגעלעבט.

גאָר ווייניקע לידער זענען געבליבן פון אים. אָבער זייער קלאַנג לעבט אין אונדז אַלע, אין די וואָס האָבן געהאַט די גרויסע זכיה צו קענען אים.

קובי וואָהל איז געווען נאָר זיין אייגענער אָנהויב. דער המשך — איז די ביטער־זיסע דערמאָנונג אין אונדז, זיינע פריינד.

י. פאַנער

וועגן קובי וואָהל

ער האָט זיך באַוויזן ווי אַ שטערן וואָס בליצט־אויף אָם העלסטן בעתן פאַלן... דער טויט האָט אויסגעלאָשן די פונקען וואָס דאָס לעבן

קובי מיט חברים אין קימפּולונג 1933
Kubi mit Freunden in Kimpolung. 1933

האָט געזאָלט צעבלאָזן צו העלע פלאַמען... אַלס 23־יעריקער האָט ער זיך באַוויזן אין יידישן רומעניע און אַלס 24־יעריקער — פאַר־שוווּנדן. אַ טראַגישער עפּיזאָד אין דער יידיש־ליטעראַרישער וועלט. אַן אָנוואַרף צו אַ ווונדערלעכן בנין, וואָס איז געבליבן אין מיטן בויען.

געבוירן און דערצויגן אין דרום־בוקאָווינער שטעטל קימפּולונג האָט ער נישט געזען די הויכע בערג וואָס רינגלען אַרום דאָס מאָלע־רישע שטעטל נישט די טונקל גרינע וועלדער, נאָר געחלומט פון דעם „באחרית הימים" ווען אַלע מענטשן וועלן זיין גלייך, פריי ווי די פייגל וואָס זינגען אין יענע וועלדער... האָט ער נישט געהערט דעם פאַסטעכס טרויעריק־זיסע „דוינע" און נישט דעם גלעקער־קלאַנג פון דער פון פעלד זיך אומקערנדיקער טשערעדע, נאָר:

דאָס שטיל געוויין פון קליינע קינדער
אין פייכטע שטיבער אונטער פוילע דעכער

האָט ער נאָר געהערט די שטים פון הונגער וואָס רעדט אויף זיין אייגענער שפּראַך...

געהערט נאָר קייטן קלינגען, געזען געבויגענע רוקנס,
גערודפטע, צעטרעטענע, באַליידיקטע.

מיט זיינע דייטשע מאַנוסקריפּטן וואָלט קובי וואָהל געבליבן נישט פאַרעפנטלעכט אין דער דעמאָלדיקער דייטשער בוקאָווינער פּרעסע. זייער רעוואָלוצאָינערער אינהאַלט וואָלט געשטערט די באַלעבאַטישע רו פון יענע צייטונגען.

אַזעלכע לידער וואָלטן געווען אַ סכנה פאַרן „גוטן נאָמען" פון דער טשערנאָוויצער דייטשער פּרעסע... און ק. וואָהלס אויפרייס־לידער וואָלטן ווייטער געבליבן ליגן אין שיפלאָד, ווען נישט די צופעליקע באַקאַנטשאַפט מיטן שרייבער פון די דאָזיקע שורות, וועל־כער האָט איבערגעזעצט „הונגער", „אויגוסט 1914" „מאַסנקברים",

„קוילן", „אַ קינד־דערציילט", „אַרבעטסלאַז" זיינע ערשטע לידער אין אַנד און געלאַזט פאַרעפנטלעכן זיי אין יידישע צייטונגען און זשורנאַלן. זיי האָבן איינגעשלאָגן ווי אַ באָמבע. פון אַלע זייטן האָט מען געפרעגט: ווער איז דאָס? פון וואַנען קומט ער? מ'האָט אים געמוזט דערהערן. ס'איז געווען ווי אַ ברום פון אַ יונגן לייב בעת ער דערפילט ווי די גיפטיקע שלאַנג רינגלט אַרום זיין יונגן גוף...

„הונגער" דערשיינט תיכף אין אַ רומענישער צייטונג און משה בראַדערזאָן אינסצענירט „מאַסנקברים" פאַר זיין אַזאַזעל (לאָדזש). און קובי וואָהל ווערט איבער נאַכט באַקאַנט.

ער קומט קיין טשערנאָוויץ און אונטער דער השפעה פון יידישע קרייזן גייט ער איבער צו יידיש. ער שרייבט נאָך־אַן אַ 4—5 לידער אין יידיש און דאַן — זיין לעצט ליד, אויפן טויט פון אַנרי באַרביס וואָס קלינגט ווי אַ טונקעלע אַנונג אויף זיין אייגענעם טויט וואָס לויערט אונטער די פלייצעס:

לאָמיר היינט בייגן טיפער, טיפער די פאָנען צו דרערד
טויט האָט ווידער צעשטערט.
אַ הייליקן טעמפל פון גלויבן
דאָרט ווי סע קרייצן זיך וועגן
שטייען נביאים דערהויבן.
אין איין האַנט די לייכטנדע פאַקל
אין דער צווייטער — די שטאָלענע שווערד

די פאַקל איז פאַרלאָשן געוואָרן נאָך איידער זי האָט זיך רעכט צעלויכטן, און די שווערד, — די שווערד האָט פאַרשניטן זיין אייגן 24־יעריק לעבן.

איקוף־בלעטער, ערשטער יאָרגאַנג נומ. 1, בוקאַרעשט 18.3, 1946

י. קארא (שווארץ)

קובי וואָהל

אין יאָר 1934 האָבן זיך פּלוצעם באַוויזן אין דער וואָכנשריפט „טשערנאָוויצער בלעטער", רעדאַגירט פון ש. א. סופר און אין דעם סיגעטער חודשניק „אויפגאַנג", רעדאַגירט פון י. ד. איזראעל, אַ ריי פּלאַקאַט־אַרטיקע, סאָציאַל און פּאָליטיש צוגעשפּיצטע לידער. דער מחבר, אַ פּנים חדשות אין דער שרייבערישער משפּחה פון רומעניע, האָט דערווייל געשריבן דייטש, כאָטש ער האָט גערעדט יידיש. די איבערזעצונגען אויף יידיש האָט געמאַכט דער האַרציקער, היינט גוטבאַקאַנטער 85־יעריקער יצחק פּאַנער, וועלכער האָט אים גע־שטיצט, דערמוטיקט.

קובי וואָהל איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1912 אין בוקאָווינער קימפּולונג ביי אָרעמע עלטערן. נויט און פּראָטעסט האָבן אים באַגלייט זינט די פריסטע יאָרן. שפּעטער האָט די דייטשע רעוואָלוציאָנערע דיכטונג געלייגט איר חותם אויף זיין געדאַנק, זיין געמיט, זיין ליטע־ראַריש שאַפן. דאָ שטייט אויוון־אָן אַנטי־מלחמה טעמאַטיק ווי אין דער פּאָעמע „אויגוסט 1914"; דעם דיכטער רעוואָלטירט פּאַסי־וויזם פון געוויסע קרייזן, שרייט ער אויס זיין רוף אין „ראָסקאָפּ־פּאַטענט". אונטערן איינפלוס פון דער רומענישער באַוועגונג, וועט ער אָנשרייבן אַ ליד לכבוד דעם אָנפירער פון פויערים־אויפשטאַנד „האָריאַ". אין קובי וואָהלס לידער האָט געקלונגען „אַן האַמערדיקער ריטם, אַ פלאַמיקער טעמפּעראַמענט און אַ בונטאַרישער טאָן" (יאַנקל יאַקיר).

קובי וואָהלס ערשטע טריט זענען געווען פיל־צוזאָגנדיקע. דער הויכוואוקסיקער ברונעט מיט די פייערדיקע אויגן און בונטאַרישער

טשופּרינע האָט זיך באַוויזן אין די לינקע קרייזן פון טשערנאָוויץ און דעם געוויינטלעכן ווויליונגערישן שטעל פון אייניקע אָנפאַנגער. ער איז געווען אין ברען, אָבער געצוימט דורכן באַוווסטזיין פון זיין שליחות. מלחמה, הונגער, אומיושר, עקספּלואַטאַציע האָבן אויפ־געברויזט זיין אויפריכטיקן געמיט. ער האָט געגלויבט אין זיין אידעאַל און אין זיין שרייבערישער מיסיע ווי אַ רופער און מאָנער. דער אומברחמנותדיקער טובערקולאָז האָט איבערגעריסן ביים סאַמע אָנהויב זיין לעבנס און דיכטער־וועג גראַד דעמאָלט, ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן דירעקט אויף יידיש. סוף יאַנואַר 1936 איז קובי וואָהל געשטאָרבן, אין דער לוויה האָבן זיך באַטייליקט איבער צוויי טויזנט מענטשן, ס׳רוב יוגנטלעכע, און עס האָבן געגרעדט פאָרשטייער פון אָרגאַניזאַציעס, שרייבער, עסקנים און לייענער.

קובי וואָהל פאַרדינט אַ פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער רעוואָ־לוציאָנערער דיכטונג פון רומעניע.

1977

קלאַראַ וואָהל

דאָס וואָרט פון אַ שוועסטער*)

חשובע געסט!

איך וויל אייך דערציילן אַ ביסל זכרונות וועגן קובי אַזוי ווי איך געדענק אים פון דער קינדהייט.

קלאַראַ וואָהל
Klara Wohl

*) דאָס וואָרט פון קובי וואָהלס שוועסטער דעם 8טן נאָוועמבער 1978 אין בית לייוויק אויף דער אזכרה נאָכן דיכטער.

ווען מען זאָל מיך פרעגן ווען, אין וועלכן עלטער האָט קובי אָנגעהויבן שרייבן, וואָלט איך געענטפערט אָן וואַקל אַז דאָס איז געווען אין זיינע פריסטע קינדעריאָרן. יאָ, זיין ערשט ליד איז געווען אַ ליבעליד צו אַ קליינעם מיידעלע, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין אַכטיאָריקן עלטער. ס׳האָט זיך שוין אַזוי געפירט אַז זיין לעבן איז תמיד געווען באַלויכטן פון ליבע צו און פון פרויען.
אויף זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג האָט געהאַט אַ געבענטשטע

קוביס עלטערע שוועסטער ד״ר סאַלאָמעאַ אונגאַר
Kubis ältere Schwester, Dr. Salomea Ungar

השפעה אונדזער עלטערע שוועסטער אַ מעדיצין־דאָקטערין און זייער גייסטרייכע פרוי.

פון קינדהייט אָן האָט קובי געפילט אַן אומגעשטילטן דראַנג צו מוזיק. מ׳האָט אים גענומען לערנען פידל־שפיל און די מוזיק האָט אים אַזוי פאַרשלונגען אַז ער האָט פאַרנאַכלעסיקט די שול־

לימודים. ס'איז געווען נישט גרינג דער שוועסטער און די עלטערן אים צו איבערצייגן, אַז קודם כל קומט די בילדונג, אַז אָן אַ רייפּ־קייט־אַטעסטאַט איז מען אַ האַלבער מענטש. מ'האָט געקינדיקט דעם מוזיק־לערער און פון קימפּולונג ווי מיר האָבן דעמאָלט גע־ווינט האָט מען אים געשיקט קיין טשערנאָוויץ אין אַ גימנאַזיע. אין אַ יאָר אַרום איז ער שוין געווען אין ווין. אָבער מוזיק האָט ער נישט פאַרוואָרפן אין גאַנצן. ער האָט זיך געלערנט אַליין און זייענדיק זייער מוזיקאַליש, האָט ער געשפּילט אויף אַ סך אינ־סטרומענטן און באַזונדערס אויף גיטאַרע.

קוביס עלטסטע שוועסטער רעגינאַ ראָטפעלד
Kubis älteste Schwester, Regina Rotfeld

אונדזערע טאַטע־מאַמע זענען געווען אינטערעסאַנטע און גע־בילדעטע מענטשן. דער פאָטער האָט געהאַט אַריסטאָקראַטישע מידות און גייסטיק האָט די עלטערע שוועסטער געהאַט מיט אים אַ סך בשותפותדיקס. דאָס אונטערוואַקסנדיקע יינגל האָט אין זיין וועלטאָנשויונג פון זיי זיך דערווייטערט. קיין געמיינזאַמע

פלאַטפאָרם פּאָליטיש נישט געהאַט. און דאָך האָבן זיי גייסטיק אים דערהויבן צו זייער אייגענער מדרגה. דערפאַר האָט ער אויף זיין פּאָליטישן וועג פאַרלאָקט דאָס קליינע, שיינע מאַמעלע און מיך, די קלענערע שוועסטער.

דאָס קליינע מאַמעלע האָט קובי ממש פאַרגעטערט. פון איר האָט ער געירשנט די שוואַכקייט צו שרייבן. די מאַמע האָט אויך צוגעזינדיקט מיט דער פּען. (דאָס איז געווען אַ משפחה־שוואַכקייט וואָס אויך איך האָב זי געירשנט).

ווען קובי פלעגט ריידן מיט דער מאַמען, פלעגט ער זי אויפהייבן און זי אַוועקזעצן אויפן טיש, ווייל ער איז געווען אַ הויך־צעוואַקסענער, און זי אַ קליינינקע. — ס׳איז נישט שיין, פלעגט ער זאָגן, אַראָפּצוקוקן אויף אַ מאַמען...

אַ גאַנץ באַזונדערע באַציִונג האָט ער געהאַט צו מיר. צווישן אונדז איז געווען אַ גייסטיקע נאָענטקייט און מיר פלעג ער פאַרטרויען זיינע טראַכטונגען ווי אַ פריינד. אָפט פלעג ער מיך אויפוועקן ביינאַכט און מיר פאַרלייענען אַ פריש־אָנגעשריבענע זאַך. ער פלעג זיך עצהן מיט מיר וועגן אַ סטראָפע, אַ מעטאַפאָר, און אַ וואַריאַנט — וועלכער קלינגט בעסער אין ליד. ווען ער האָט פאַרטראַכט אַ גרעסערע זאַך, אַ פּאָעמע צי אַ דראַמע (ער האָט אָנגעשריבן עטלעכע וואָס האָבן זיך ליידער נישט פאַרהיט) פלעג ער מיך פריִער נעמען אויף אַ שפּאַציר און מיר פונאַנדערגעוויקלט דעם סוזשעט און מיר אַרויסגעבראַכט די קאָליזיעס וואָס זענען שוין פּאַרטיק געווען אין זיין קאָפּ. אָפט מאָל האָבן מיר זיך אַזוי פאַררעדט און אַזוי פאַרגאַנגען ביז ס׳האָט גענומען טאָגן.

איך געדענק דריי פון זיינע דראַמעס. (ס׳איז געווען אויך אַ פערטע). די ערשטע דראַמע האָט ער אָנגעשריבן אין יידיש, ווען אים איז געווען פערצן יאָר. אָפּגעשפּילט האָט זי זיך אין אַ חסידישער סביבה (כאָטש ביי אונדז אין שטוב האָט ער קיין חסידות נישט געזען) און געהייסן האָט די דראַמע „דער בעל־תשובה״.

די צווייטע פּיעסע, געשריבן אין דייטש, איז שוין געווען אַ יעזוס־מאָטיוו. געהייסן האָט זי „דער גאָטעסנאַר״.

די דריטע האָט ער געשריבן ווידער אין יידיש: „דער הויקער״.

איין מאָל האָט ער „דעם הויקער״ פאָרגעלייענט אין טשערנאָוויץ פאַר זיינע פריינד, און לייענען פלעג ער פּרעכטיק ווי אַן אמתער רעציטאַטאָר. צווישן די הערער איז געווען אויך אַ יונגער

שרייבער וויינשטיין, ווען פסעוודאָנים איז געווען קאַזשבער. דער דאָזיקער יונגער, טאַלאַנטירטער מענטש איז געווען אַ שווע־רער בעל־מום. ביי אים איז געווען אַ פאַרדרייטער, פאַרקרומטער פוס וואָס איז אים געקומען, זעט אויס, פון דער קינדער־שלאַפ־קייט. אויסהערנדיק דאָס דראַמאַטישע שטיק איז ער אַרויפגע־פאַלן קובין אויפן האַלדז, אים געקושט און געווינטשט אַ פאַרווונ־דעטער:

— פון וואַנען קענסטו אַזוי גוט די נשמה פון אַ קריפּל?

אין דעם איז באַשטאַנען קוביס באַגאַבונג. ער האָט זיך גע־קענט איינלעבן אין די געפילן און געדאַנקען פון יעדן אומגליק־לעכן. דערפאַר האָט ער זיך אויך געשטעלט מיטן פייער פון זיין יושרדיק האַרץ און מיט זיין טאַלאַנט, אויף דער זייט פון די שוואַכע, די באַליידיקטע און אונטערדריקטע.

קובי איז געווען באַגאַבט אויך מיט שוישפילערישן טאַלאַנט. ער האָט אָנטייל גענומען אין אַ דילעטאַנטישן טעאַטער. אין קאָברינס „דאָרפיונג" האָט ער געשפילט די ראָלע אין וועלכער ס'האָט זיך באַרימט געמאַכט דער גרויסער שוישפילער פאַול באַראַטאָוו. מענטשן האָבן געזאָגט אַז קובי איז געווען נישט ערגער.

אין 1932, אַ פּאָר וואָכן פאַרן טויט פון זיין פאַרגעטערטער שוועסטער, האָבן די עלטערן אים צוריקגערופן פון ווין. פילנדיק אַז ס'דערנענטערט זיך איר סוף האָט זי געוואָלט נאָך איין מאָל זען איר געליבטן ברודער. קובי איז געווען אין אַזאַ פאַרצווייפלונג אַז מיר האָבן מורא געהאַט ער זאָל זיך נישט אָנטאָן אַ מעשה.

אין אַ צייט אַרום האָט קובי חתונה געהאַט פאַר אַ שיינעם אָבער לייכטזיניקן און עגאָיִסטישן מיידעלע וועלכע האָט אָנגע־פילט זיינע לעצטע יונגע פאָר יאָר מיט ווייטיק, אַנטוישונג און יסורים. זי האָט אים קיין מאָל נישט פאַרשטאַנען און נישט אָפּגעשאַצט.

אין גיכן איז קובי קראַנק געוואָרן. אַ טעותדיק־געשטעלטע דיאַגנאָזע און אַ נישט ריכטיקע היילונג האָט פאַרשנעלערט דאָס אויסלעשן זיך פון זיין יונג לעבן. נאָך זעכצן וואָכן פון הויכן פיבער, האָט קובי, אין די אָרעמס פון דער אומגליקלעכער מוטער און פון מיר, פאַרמאַכט זיינע גרויסע ,שוואַרצע אויגן.

בעת דער מלחמה, טראַנסניסטריע און נע ונד זענען פאַרלאָרן

געגאַנגען זיינע שריפטן. אומקערנדיק זיך אַהיים פון די לאַגערן, האָב איך אָנגעהויבן זוכן ביי זיינע פריינד וואָס ס'האָט זיך נאָך פאַרהיט ביי זיי — געדרוקטס, אָדער אפשר אין כתב־יד. אַ קליין ביסעלע האָב איך טאַקע געפונען. עפעס ביי דעם יידיש־רומענישן שרייבער אורי בן הדור, עפעס ביי דער שוישפּילערין בעאַטאַ פּרעדאַנאָוו (זי האָט נאָך ביי קוביס לעבן אין אַ פּאַרטראַגן־טורנע אין אויסלאַנד פאַרגעלייענט קוביס לידער). אָבער דעם גרעסטן טייל האָב איך געפונען ביי דעם גרויסן פּאָעט אַלפרעד מאַרגול שפּערבער, וועלכער איז געווען קוביס אַן אמתער פריינד, באַשיצער און אונטערשטיצער אין דער דייטשער שפּראַך. יצחק פאַנער ז"ל, וועלכער איז אויך געווען זיין אַנטפּלעקער, זיין מדריך און אי־בערזעצער, האָט מיר געהאָלפן געפינען די יידישע לידער אין די אַרכיוון פון די צייטונגען און זשורנאַלן. איין ליד האָט י. פאַנער אָנגעשריבן פון זכרון.

ווען איך האָב שוין געהאַט צונויפגענומען דאָס ביסעלע ירושה האָב איך גענומען טראַכטן וואָס צו טאָן אַז איך זאָל נישט לאָזן שטאַרבן קובין צום דריטן מאָל. פאַר וואָס צום דריטן מאָל? ווייל צום ערשטן מאָל איז ער געשטאָרבן פיזיש. דאָס צווייטע מאָל — ווען ס'זענען פאַרלאָרן געגאַנגען זיינע שריפטן.

איצט טו איך אַלצדינג שוין אַ סך יאָרן אַז איך זאָל זיין נאָמען אַרויסרייסן פון דער פאַרגעסונג.

זיינע געטרייע פריינד, האָף איך, וועלן מיר העלפן אין דעם.

לידער

קובי וואָהל

דער הונגער

כ׳בין דאָס אור־געשפּענסט פון צייטן.
אויסגעוואַקסן אינעם לעבנס זומפּיקן אָקעאַן —
איך בין דער הונגער!
כ׳בין דער אָרעם וועלכער נעמט אַרום דעם ערד־באַל
און יעדן טראָפּן פרייד פאַרשלינגט,
און מיט גיריק ווילדע וואַמפּיר־ליפּן
דאָס בלוט פון לעבן טרינקט.
כ׳בין דאָס כאָרכלען פון שטאַרבנדיקע דורות
דער לעצטער וואַרגער פון יעדן ווערן
די בלייכע קללה פון דער ערד.
איך בין דאָס שטיל געוויין פון קליינע קינדער
אין פייכטע שטיבער אונטער פוילע דעכער.
איך בין דער צער פון פּנימער פאַרקרומטע
כ׳בין ציינערקריצן פון קעלערלעכער.
איך בין אין פרעכן לאַך פון אָפּגעפּאַרבטע גאַסנמיידלעך
אין מידן ניגון צווישן ווערקשטעל־ווענט,
איך בין די קאַלטע פראַגע אינעם בעטלערס אויגן
און כ׳בין אין שטום פאַרבראָכענע מאַמע־הענט...
איך בין צעשטערער פונעם שענסטן חלום
איך בין דער זיגער איבער אייער טון,
און וויל איך צעשטערער איך די מויערן
און ווער אַ מעכטיק־ברויזנדיקער טייפון
און וואַרף מיך אַ צעווילדעוועטער איבער שטעט און גאַסן
און צינד אָן ווי אַ פאַקל אומגעדולד פון מאַסן...
איך בין דער הונגער.

דערשינען אין „די וואָך" נומ. 26 דעם פינפטן סעפטעמבער 1934.

אַספּאַלט

ווי ברענענדיקע פריטעס פּאַלן די שטראַלן
פון גליענדיקער זון אויף אונדזער מידער געשטאַלט.
מיר מוזן די ערד קנעטן, פון מיאוסקייט באַפרייען,
קניען מיר, צונויפגעקאָרטשעט אין דרייען
און גרימירן די צורה פון גרויסשטאָט־שטראָזן
מיט הייסער שוואַרצער דאַמפּיקער שמינק
מיט אַספּאַלט
מיט אַספּאַלט.

פאָרנט און הינטן פאַרשטעלן דראָנגען דעם וועג,
רעכטס און לינקס שטייען הייזער שטום, טעמפּ און קאַלט
און דראָנגען און הייזער און מורא פאַר הונגער
האָבן זיך פאַרבונדן, געוואָרן אונדזערע וועכטער
און פאַר די פיס קאַטשען זיך מיט אַ שטומען געלעכטער
אונדזער גורל־אַספּאַלט...

מיט די ציינער צעקריצן מיר דעם צער פון אונדזערע קינדער
ווען (פון קעפּ טיף געבויגענע פון מאַמעס) עס פאַלט
אויף זייערע מאָנענדיקע הענטלעך אַ טרער נאָך אַ טרער.
נאָר דאָס זעט איר נישט, האַרן! מיר מיט פנימער פאַרשמירטע
זענען אין אייערע אויגן נאָך באַוועגלעכע, מענטשלעכע
שטיקער אַספּאַלט.

און האָבן מיר נאָך יאָרן די כוחות פאַרלוירן
עס ציטערן די הענט שוין און מיר ווערן אַלט
דאַן וואַרפט איר אַוועק אונדז, מיר בלייבן אויף הפקר.
וואָס קען עס אייך נוצן ווען איר וועט אונדז דערהאַלטן?
ווער דאַרף דען נאָך קאַלטן, פאַרטריקנטן, אַלטן
אַספּאַלט?

אויפשטייג בוקאַרעשט 1942.

די רעכטע האַנט

דאָרט, וווּ דער הויכער קוימען שפּייט
מיט קנוילן שוואַרצן רויך צום בלאָען הימל
און די סירענע טעגלעך שרייט,
און די מאַשינען מאַכן אָן אַ ווילדן טומל —
דאָרטן אַרבעט ביי דער קרייז־זעג אויך דער טאַטע.

נאָר איין מאָל האָט מען אים געבראַכט אַהיים צו טראָגן
אַ האַלב־טויטן, אין אַ טייך פון בלוט.
די מאַמע האָט זיך אַזוי ווילד צעשריגן,
אַז כ׳האָב געמוזט מיר צוהאַלטן די אויערן.
און איינער האָט צום צווייטן שטיל געזאָגט:
— די רעכטע האַנט — פאַרלוירן...

איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געציטערט:
דער טאַטע אָן דער רעכטער האַנט!
ער פלעג מיר תמיד ווערבע־פּריטיעס רייסן
פאַר אַ שטעקן, אָדער פאַר אַ בייטש,
כדי אים, דעם „פערד״, דערמיט צו שמייסן...
אַלץ מיט אָט דער האַנט!

מיר האָבן זיך אין זעלנער אָפט געשפּילט ביינאַנד,
דאַן האָט ער מיר געמאַכט אַ פייל־און־בויגן,
ער האָט מיר אָפט ביי „כאַפּערלעך״ פאַרמאַכט די אויגן —
אַלץ מיט אָט דער האַנט!

אָפּט האָט ער מיך — אַז כ'בין געווען „שלעכט"! — געשלאָגן,
נאָר אַז איך האָב געפאָלגט — מיך שמייכלענדיק געגלעט,
פלעג אַליין מיך אויסטון און אַריינטראָגן אין בעט,
און אָפט אַ גראָשן פאַר צוקערלעך אַריינגעדריקט אין האַנט —
אַלץ מיט אָט דער האַנט...

און איצט?... וועט דער הויכער קוימען ווייטער שפּייען
קנוילן שוואַרצן רויך צום בלאָען הימל,
די סירענע וועט נאָך ווייטער שרייען,
די מאַשינען — מאַכן אַ געטומל —
נאָר דער טאַטע וועט שוין דאָרט נישט זיין...

טשערנאָוויצער בלעטער, נומ. 195, 3 אָקט. 1934

אויגוסט 1914

טויט־שטילקייט אַרום.
די נאַכט ליגט אַ שוואַרצע צעשפּרייט
אויפן האַרץ פון דער וועלט —
און פּלוצעם... פון שטאַרקע און מעכטיקע לאַפּעס
ווערן געשליידערט געצונדענע פאַקלען
אַריין אין דער נאַכט:
קריג! דערוואַכט!

עס פאַרבט זיך דער הימל אַ בלוטיקער ים,
די נאַכט רוקט זיך אָפּ און מיט שוימיקן סם
פאַרסמט זי דעם שלאָף פון קליין און פון גרויס,
שפּייט פון טויזנטער שטעט, פון הונדערטער לענדער
מיליאָנען מענטשן פון הייזער אַרויס:
קריג!

פאַלשע נביאים, כהנים און ריכטער
דינים און הורן, געדינגענע דיכטער
האָבן דאָס וואָרט אונדז פאַר „הייליק" געמאַכט,
און טאַטעס און זין צונויפגעטריבן
פירט מען די טשערדע לייכט צו דער שלאַכט...

ברייט עפענען זיך טויערן פון ריזנפאַבריקן
און ס'יאָגן דורך וועגן און שליאַכן און בריקן
טויזנט באַרעדערטע שדים אַרויס.
טונקעלע געשפּענסטער מיט שטאָלענע גלידער.
שפּאַלטן די לופט מיט געפילדער, גערודער,
און הייבן זיך הויך מיט פּראָפּעלער־גערויש...

עס ברויזן די פייפערס, עס קלינגען די גלאָקן,
שוין לאָזן זיך שיפן אויף בלוטיקע געיעגן,
עס גייען און גייען
און גייען
און גייען
געקאָוועט צו פירן פעלקער אויף וועגן...

שוין שטייען די שטעט און דערפער אין פלאַמען
און ס'זיגט שוין דער טויט אויף יבשה און ימען
דורך קוילן און שרויט.
די שטאַרבנדיקע הערן נאָך הורא־געשרייען
פון ברידער, וואָס שעכטן — און שטאַרבן פון ווייען
דעם „הייליקן" טויט...

און אַלעס צוזאַמען: דער ווילדער געטומל
פון באָמבעס, גראַנאַטן, פון טאַנקס און פון גאַז,
קאַנאָנען־ געפילדער, דער בלוטיקער הימל,
די חרובע שטעט און דער בלוטיקער האַס —
דאָס אַלץ פאַרשמעלצט זיך צו איין מעכטיק־גאַנצן
אויס פייער און מענטשן, אויס אייזן און בלוט:
קריג!

. . . .

נאָר פון ווייט, ערגעץ ווייט
קלינגט אַ קול פון אַ קינד
אַרויס צו דער וועלט.
שוואַך,
צאַרט
און דין,
און ציטערט ווי אַ גרעזעלע אין ווינט:
טאַ — — — טע!

יידיש: י. פאָנער

מאַסנקברים

ייִדיש : י. פאַנער

בלייערנע פינצטערניש
הענגט שווער און דומף
איבער צעשאָסענער ערד,
קברים און גריבער,
שטעכיקע דראָט־פּלויטן, חורבות :
איבער מאַסנקברים
פונעם וועלט־בית־עולם —
דאָ רופט אַ האַנט פון טיפקייט :
מיטנאַכט !
און שוין עפענען זיך קברים,
און ס'קומען אַרויס די מתים־לעגיאָנען
צען,
הונדערט,
טויזנט,
מי־לי־אָ־נען ! !

נאַקעטע,
קאַלטע,
באַוואָפנטע,
— סקעלעטן...
געזשאַווערטע פלעקן :
אַ סימן פון געראונענעם בלוט ;
פון ברוסטן
געקלונגעריי פון מעדאַלן
וואָס כיכיקן און פראַלן,
פון העלדנטום ;

פון טונקעלע מיילער־לעכער
שלענגלען זיך
גרינלעכע גאַזרויך־צונגען:
לעצטע עדות
פון צעפרעסענע לונגען;
אויס פינצטערע אויגן־היילן
פון אַן אָפּגעריסענעם קאָפּ
אַ געיאָמער, אַ געוויין:
— ז־ע־ן! ז־ע־ן!
און אַן אָפּגעהאַקטער פוס פאַרטשעפּעט אין דראָטפּלויט
ענטפערט אין זעלנערישן טאַקט:
— גיין! גיין!...
ווי דונער אויס כמאַרע געלאָדן מיט פייער
פּלאַצט אויס די פראַגע
און ס'טראָגט זיך דער הילך אין וועלטרוים אָן מאָס:
פ א ר ו ו אָ ס?
און פון אַן אַנדערן ווינקל פון וועלט
קומט פון אַ הויפן גאָלדבאַרוישטע מאַגנאַטן
דער גזר:
ד ע ר פ אַ ר!
פלאַמט אויף אין חיל דער העלישער צאָרן,
סע ביילן זיך פויסטן
און ס'דונערן געשרייען:
— נ ק מ ה!
וואַכט אויף פון קבר דער געקרייציקטער
פאַרקריפּלט פון צייטן
פון קירכע אַנטשטעלט
אויף קריקעס געשטיצט,
הינקט ער מיט צעשאָסענע פיס
שטאָלפּערס איבער מתים־פעלד

און פרעדיקט, און פרעדיקט אַלץ ליבע.
דאָך די אומזיסט־געאָפּפערטע מאַסע
דערקענט איצט אין אים — נאָר די פּאָן פון דער שלאַכט
וואַרפט זיך אויף אים מיט ווילדע געשרייען:
— ס'איז געשען אין דיין נאָמען!

צעמעקעט זיך פון ערגעץ־נאָענט אַ גלאָק
— אין קלויסטער אַריין!
און אַן אַלט גלח'ל אָן ציין
פּאָנפּעט צו: אָ...מן!...
די מתים דערפילן דעם נאָענטן מאָרגנווינט
און שטעלן זיך אַנטקעגן, ווילן נישט צוריק;
דאָך די האַנט פון טיפקייט רופט:
פ אַ ר ב י י!
און אַלע פאַלן מיט געפּילדער און געשריי
ווידער אין די קברים אַריין.

— — — — — — — — — — — — —

דער אַלטער אשמדי קייכט און לאַכט — —
איבער קברים טאַפּט אַרום מיט מאָרגנגרויע הענט
די נאַכט
וואָס האָט אויף אירע פּלייצעס דעם נעפּל מיטגעבראַכט
און ס'ווערן די קברים ווי אָפענע אויגן,
פאַרגלייזטע — פוןביידע פאַרמאַכט.

— — — — — — — — — — — —

דער אַנטשלאָפענער טויט קערט זיך אום צו דער וועלט
נאָר אַ העכסטן הויך,

צווישן מיליאָנען ברענענדיקע פּלאַנעטן
פלאַמט אויף אַ ריזיקער עשאַפאָט
אויף וועלכן, מיט אַ בלוטיק־אויסגעווייקטן שטריק
ס'האָט מיט די אייגענע הענט
זיך אויפגעהאָנגען גאָט.

„אויפגאַנג", נומ. 10, סיגעט 1934

ראָסקאָפּ־פּאַטענט

(פּראָקלאַמאַציע)

טיק־טאַק, טיק־טאַק,
טיק־טאַק, טיק־טאַק,
דער ווייזער גייט,
דער ווייזער גייט
די צייט פאַרגייט,
און דו פּראָלעט
שטייסט אַלץ נאָך, אַלץ,
אין האַרטן יאָך
און קומסט נישט מיט
מיט אונדזער טריט
צום קאַמף, צום שלאַכט,
וואָס מאַכט דיך פריי
פון הונגערס מאַכט.
פּראָלעט, פּראָלעט,
ס'איז באַלד צו שפּעט.
דער ווייזער גייט
דער ווייזער גייט
טיק־טאַק, טיק־טאַק,
טיק־טאַק, טיק־טאַק.

טיק־טאַק, טיק־טאַק.
טיק־טאַק, טיק־טאַק,
עס שטאַרבט דיין מוט,
דיין פרוי איז קראַנק,
דיין קינד שפּייט בלוט
דער דאָקטאָר קען

דאָ גאָרנישט טון:
ער זאָגט מען דאַרף
אַ מעדיצין
און דאָס קאָסט געלט,
יאָ, דאָס קאָסט געלט,
און דו האָסט גאָר־
נישט אויף דער וועלט
נאָר מוסקול־קראַפט
וואָס נוצט דעם האַר
און קייטן אויף
די הענט דערפאַר
טיק־טאַק, טיק־טאַק,
טיק־טאַק, טיק־טאַק.

טיק־טאַק, טיק־טאַק,
טיק־טאַק, טיק־טאַק,
דו אַרבעטסט טאָג־
לוין און אַקאָרד,
מאַכסט איבער־שעה,
שטייסט איינגעשפּאַנט,
נאָר ס'סטייעט נישט
און ס'סטייעט נישט!...
די לעצטע ציך
פון אונטערן קאָפּ
רייסט דיר אַוועק
דאָס דירה־געלט —

ס'סטייעט נישט
ס'סטייעט נישט!

און גיב אַ פרווו
און גיב אַ ברום,
ווערסטו אויף גיך
אַרויסגעשטעלט,
בלייבסט אַרבעטסלאָז
מוזט צוזען שטום
(און האַלטסט נישט אויס!)
ווי ס'גייען לאַנגזאַם
פרוי און קינד
פאַר הונגער אויס...

טיק־טאַק, טיק־טאַק,
טיק־טאַק, טיק־טאַק,
דו מאָגערסט אויס
אַ הוסט, אַ כראַקה,
פון ווייטנס וואַרט
דער בעטלזאַק,
מע טרייבט אַרויס
דיך פון דער שטוב,
פאַרזעצסט, פאַרקויפסט
דיין ביסל האָב,
גייסט באַרג־אַראָפּ,
גייסט באַרג־אַראָפּ,
און גראָבסט אַליין
מיט יעדן טאָג
דיין אייגן גרוב...
נו, קוק־זשע צו,

פראָלעט, קוק צו,
דער ווייזער גייט
און גייט אָן רו,
דו זעסט דאָך קלאָר
דאָס גאַנצע בילד,
לאָז ווערן שוין
דיין ווילן ווילד,
גיב מיט דער האַנט
אין טיש אַ באָך,
רייס אימפעטיק
פון האַלדז דעם יאָך
און הער ווי עס גייט
און גייט און גייט
(ווי אַ פויער שטאַרק,
אין האַנט די האַק!)
דער ברייטער גאַנג
פון וועקער — „צייט":
טיק־טאַק, טיק־טאַק,
טיק־טאַק, טיק־טאַק.

טיק־טאַק, טיק־טאַק,
טיק־טאַק, טיק־טאַק,
דעם האַמער פאַק
מיט פעסטן גריף,
און גיב דער האַק
דעם לעצטן שליף
און שטורעם אַרויס
אין פרייער גאַס
מיט ציינגעקריץ
און מוט און האַס;

די מאָס איז פול,
די מאָס איז פול,
מיר ווערן ווי
אַ שטורעם געבריל,
און שטירצן ווי
אַ שטיינער־פאַל
פון איבעראַל
פון איבעראַל
אויף שליאַך, אויף גאַס,
אויף גרויסשטאָט־פּלאַץ
אויף תּפיסה, פעסטונג
און פּאַלאַץ,
אויף קירכע און
אויף אַרסענאַל,
פון איבעראַל,
פון איבעראַל
צעפלאַקערט רויט
זיך אונדזער רוף,
יאָגט שאַרף ווי בליץ
פון פאַל צו פאַל
און ברענט־איין טיף
אין שטאָט און דאָרף
אונדזער פּאַראָל:
גיט אָפּ אונדז
אונדזער גוטס און האָב

און גיט דאָס בלוט,
דאָס שטאָלצע בלוט
פון אונדזערע
קדושים אָפּ,
מיר האָבן
טויזנט־יעריקן כּעס,
און האָבן רעכט
און קראַפט און מוט!
שוין וואַקלט זיך
דער געץ און פאַלט,
סע פאַלט די הערשאַפט
פונעם געלט,
דער צלם פאַלט,
די קריגספאָן פאַלט,
סע פאַלט די גאַנצע
אַלטע וועלט:
ס'איז אונדזער טאָג,
סאי'ז אונדזער טאָג!
זיין וועקערס גאַנג
האָבן מיר דערהערט,
פאַר אונדז גאָר ברויזט
זיין פענדל־שלאָג:
„פּראָלעט, פּראָלעט,
דיין וועלט — זי ווערט!
טיק־טאַק, טיק־טאַק!"

קויל־צייכענונגען

1.

אַרבעטסלאָז

אַז דער טאַטע קומט אַ מידער און אַ בלייכער
פון דער גאַס אַהיים צוריק,
וואַרפט אויף אים די מאַמע בגנבה
אַ געפייניקטן און פרעגנדיקן בליק.

ער זעצט זיך צו דעם נישט־געגרייטן טיש אַנידער,
שטיצט דעם קאָפּ אויף האַנט,
און פאַרקוקט זיך ווי ער וואָלט דאָרט עפּעס זוכן
אויף דער וואַנט...

די מאַמע נעמט זיך ראַמען,
גלייך ס'וואָלט גאָרנישט נישט געווען,
נאָר זי דרייט אַוועק דעם קאָפּ פון טאַטן,
ער זאָל איר פּנים נישט דערזען.

— — — — — — — — — — — — —

כ'שטיי אין ווינקל שטום. קוק אויףביידע.
ווייס נישט וואָס געשען:
ס'קאָכט די מאַמע לאַנג שוין נישט קיין וואַרעמס
און זי וויינט אַז קיינער זאָל נישט זען...

.2

צו דער פֿאַבריק

פֿאַרשטאָט.
צעוואָרפֿענע קלייניקע הייזלעך,
און גרויע צעריסענע קליידער
עפֿענען פֿאַרלאָשענע אויגן
און גלאָצן
און זען :
סע גייען און גייען
גרופּן
פֿון פֿרויען
און מענער
מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע
רויט־פֿאַרלאָפֿענע אויגן
מיט בלייכע געזיכטער,
פּלאָנטערן מיד מיט די פֿיס,
גייען און גייען
מיט מאַט־אַראָפּגעלאָזטע הענט
וואָס הענגען שווער און פֿרעמד...
און זייערע טיף־געבויגענע קעפּ
שטרעקן זיך פֿון מאָל צו מאָל
פֿאָרויס :
„נאָך נישט ?"
און מאָרגן־נעפּל לייגט זיך שווער
מיט ביידע הענט אויף זיי אַרויף,
נאָר זיי —
זיי פֿילן נישט
זיי רעדן נישט

און קוקן קיינמאָל נישט צוריק,
זיי גייען מיד
און גייען שטום
צו דער פאַבריק.

האָריאַ

וואָס דורות האָבן שווער און שטום געליטן
האָט זיך אין דיר געוואַלטיק אויפגעהויבן,
און דיינע פויערישע הענט פול גלויבן,
וואָס האָבן זיך געבויגט צונויפצוקלייבן
אַ יעדע טרער — האָבן פלוצעם זיך געביטן:
ווי קאַסעס זיך געווענדט קעגן די וואָס רויבן.

און אַ יאָרהונדערט האָט דאַן אויפגעציטערט.
מיר פלאָג פאַרפלאָגטע, האָבן אין מחנות באַלד
זיך ווילד אַ לאָז געטאָן פון פעלד און וואַלד,
ווי אַ וואַנט אַרומגערינגלט דיין געשטאַלט,
און דער יאָרהונדערט — אַלטער צער — פאַרביטערט
איז ווילדער האַס געוואָרן פון געוואַלד!

געביילט האָבן ווי פויסטן די מינוטן,
און טעג זענען אויפגעשטאַנען שאַרף ווי שווערד..
נאָר דו — אַ טורעם! דיין קול האָט זיך געהערט
ווי אַ בראַנדזענער גלאָק: מיר ווילן רעכט און ערד!
און ס'האָט די נאַכט איר שוואַרץ געוואַנט פאַרביטן
פאַר רויטן בראַנד און פאַקל, פלאַם גענערט.

און ס'לאַנד האָט זיך געפאַרבט מיט אונדזערע בלוטן.
נאָר די קאַסטעלן האָבן זיך ווילד געווערט:
אַרמייען הוזאַרן אויף ווילד פאַרשוימטע פערד
האָבן מיט שרויט און פולווער אונדז צעשטערט.
דיך — האָבן זיי אויף שטיקלעך דאַן צעשניטן
און אונדז — געשטראָפט מיט פייער און מיט שווערד!

היינט שטייען מיר אַלץ נאָך געשפּאַנט אין יאָכן,
איבער אונדזערע שטיבלעך לויערט הונגער־טויט
און ס׳צאַנקט דאָס דאָרף פון פיבער־פלעקן רויט.
מיר קענען שוין נישט מער פאַר צער און נויט ! !
די פּלויטן אונדזערע שטייען האַלב צעבראָכן,
און אונדזערע קינדערס אויגן בעטן: ברויט ! !
אָף ! האָריאַ.

(צום 150־סטן יאָר פונעם האָריאַ אויפשטאַנד 1785—1935)

פינאַל*)

יידיש: י. פאַנער

ס'איז באַלד צו ענד.
פאַרלעשט די לאָמפּן!
און דאָס פענצטער פאַרהענגט!
זאָל דער שונא נישט מיט זשעדנע בליקן
זיך מיט יונגן אָדלערס שטאַרבן קוויקן,

אָרקעסטער, שפּיל געדעמפּטער!
און איר פידלען כליפּעט שטיל,
גאָר שטיל,

ווי שטיל סע ענדיקט זיך אַצינד זיין לעבן.
נאָך ציטערן די ברייטע פליגלען,
נאָך איז זיין בליק אַרויף געווענדט,
אַהין, ווו ס'האָט זיין בענקשאַפט זיך דערהויבן,
פון זון געבלענדט — — —
איצט לעשט די לאָמפּן אויס,
ס'איז אַלץ צו ענד!

---

*) פון זיינע צוריקגעבליבענע דייטשע מאַנוסקריפּטן.
טשערנאָוויצער בלעטער נומ. 235, 3 יאַנואַר 1936

קוילן

400 מעטער טיף אין שאַכט,
געפּרעסט אין פֿייכטער, שווערער נאַכט,
שטייען מיר מיט פּיקעס אין די הענט
און רייסן פֿון די שוואַרצע ווענט
די גרויסע טונקעלע שטיקער...
מיר זענען שוואַרצע אַרבעטער,
מיר זענען קוילן...

די לופֿט איז דומפּ און שווער און הייס
דאָס פּנים — קנייטשן, שטויב און שווייס,
מיט אויסגעשפּרייטן ברייטן טריט
וואַרפֿט זיך דאָס לייב אַהין און צוריק
און אין דעם האַלב־דערשטיקטן בליק
שלעפּן מיר ווענט און פֿינצטערניש מיט:
מיר זענען שוואַרצע טייוולען, יאָ!
מיר זענען קוילן!

דאָרט אויבן וואַרטן ווייב און קינד
אויף אונדזער ברויט און מילך אַצינד,
נאָר אונדזערע ברוסטן כאָרכלען שווער,
מיר קענען שוין פֿאַר נויט נישט מער...

נאָר ווען מען האָרט עס, אַז אונדז גייען
די לעצטע כּוחות דאָ אויס?
מיר זענען שוואַרצע שקלאַפֿן בלויז,
מיר זענען קוילן...

נאָר פֿאַלט אויף אונדז דער קלענסטער פונק
צעגליען מיר זיך שנעל און גרינג,
מיר ווערן העלער, הייסער פלאַם,
אַ ווילדער זידנדיקער ים,
צעטרעטענע זענען אויפגעוואַכט,
מיר שפּאַלטן די פֿאַרשאָלטענע נאַכט
און שטייגן פונעם טיפסטן שאַכט
צום ליכט, צום ליכט, צום ליכט אַרויף,
דורכברעכט זיך גלויבן, כעס און מוט
און מוט ווערט טאַט און כעס ווערט בלוט
אוןביידע — אין געוואַלדיק ראָד
געדרייט פון גלויבנס הייסע הענט —
און ס'פלאַמט אַ וועלט פון אונדז צעברענט!
ווייל מיר זענען שוואַרצע אַרבעטער!
ווייל מיר — מיר זענען קוילן!

טשערנאָוויצער בלעטער, נומ. 217, 14 יוני 1935

Anul VII. Nr. 229
Cernăuţi, 11 Septem. 1935
טשערנאָוויצער בלעטער
פאַר קולטור, פּאָליטיק און ווירטשאַפט

אַנרי באַרביס

לאָמיר בייגן די פאָנען טיפער טיפער צו ערד.
טויט האָט ווידער צעשטערט פליגל צעשפּרייטע פון גלויבן.
דאָרט וווּ סע קרייצן זיך צייטן שטייען נביאים דערהויבן
אין איין האַנט די פלאַמיקע פאַקל, אין דער צווייטער די שטאָלענע
שווערד.

די וואָס עפענען דאָס האַרץ, טרערן צונויפצוקלויבן,
ווערן דערטרונקען אין זיי. ווער ס׳גיט ליכט, ווערט פאַרברענט.
הייליק פּאַלט אויפן וועג וועמענס פּנים צום ציל איז געווענדט.
וואָס יאָמערן סירענעס? ווער וויינט? וואָס העלפט אונדז ברעכן
די הענט?
טויט האָט ווידער צעשטערט פליגל צעשפּרייטע פון גלויבן.

ווערטער — אַ טויטער פירער! — ווי ווייסע פאַרבלוטיקטע טויבן
האָסטו צעשיקט ווי אַפּאָסטלען איבער דער גאָרער וועלט.
האָסט דיר אין אונדזערע רייען געבויט דיין מוטיק געצעלט

און ס'האַרץ ווי אַ רויטע סטאַנדאַרטע אויף דער זייט באַריקאַדע
געשטעלט.
אָ, ווי סע קרייצן זיך צייטן שטייען נביאים דערהויבן!

דאַרף אַ וועלט אַ צווייטע געבוירן, זאָלן זיין איר קרבנות פאַרוועַרט?
ס'ווערן דאָך די בלוטיקע לייבער צום מאָרגן די שטיינערנע שוועל...
דו ביזט — אַ מאַרמאָרער שטיינבלאָק: ריין און מעכטיק און העל!
ביזט געפאַלן אין קאַמף אויף דיין פאָסטן אַזויווי סע פאַסט
אַ רעבעל:
אין איין האַנט די פלאַמיקע פאַקל, אין דער צווייטער — די
שטאָלענע שווערד.
לאָמיר בייגן די פאָנען טיפער טיפער צו ערד!

☆

כ׳האָב נישט ליב קיין הייסע פרויענליפּן,
נישט קיין ווייכע אָרעמס וואָס פאַרוויגן,
כ׳האָב פּיינט דעם הויכן העלן לאַד פון זאַטקייט,
דאָס גליק וואָס ווערט געשעפּט מיט פולע קריגן.

כ׳האָב ליב דעם בוים, וואָס פונעם בליץ געשפּאָלטן
אַ וויאַנענדיקער אויף זיין גורל וואַרט,
די בלייכע בלום פון זאַמדיק־טונקעלע ברעגן,
וואָס נאָך אַ טראָפּן ליכט און רעגן גאַרט.
ד
כ׳האָב ליב באַצערטע אויגן ווען זיי קוקן
פון פנימער צעאַקערטע אַרויס.
כ׳האָב ליב די דאַרע הענט פון גאַסנפרויען,
וואָס שטרעקן זיך אין פינצטערניש נאָך מאַמעס אויס...

יידיש: י. פאַנער

טשערנאָוויצער בלעטער, נומ. 250, 12 יוני 1936

GITARRE

TANGO

TEXT UND MUSIK:
KUBI WOHL



ווערטער אין א
שווארצער ראם

באַריכט פון קובי וואָהלס לוויה

אין טשערנאָוויצער בלעטער, נומ. 235, 3.1.1933

אַן ערך פיר חדשים איז ער געלעגן קראַנק און זיך געראַנגלט מיטן טויט. און כאָטש מ'האָט אַלעס געטון אים צו ראַטעווען, איז ער פּרייטיק דעם 27־טן דעצעמבער נאָכמיטאָג דערלייזט געוואָרן פון זיינע שווערע ליידן. געבוירן און דערצויגן אין קימפּולונג, איז ער מיט אייניקע יאָר צוריק געקומען קיין טשערנאָוויץ זוכן אַ באַשעפטיקונג און זי געפונען אין יידישן בית יתומים, וווּ ער האָט געווירקט אַלס לערער. געשריבן האָט ער אין דייטש און זיינע אַרבעטן האָבן צו זיך צוגעצויגן אויפמערקזאַמקייט פון קענערס. לידער וועלכע זענען דערשינען אין דער היגער דייטשער פּרעסע, האָבן אָנגעזאָגט אַ באַ־דייטנדן טאַלאַנט. אַ דאַנק ה' פאַנערן און אַנדערע פריינד איז ער צוגעצויגן געוואָרן צו דער יידישער ליטעראַטור און די וויניקע לידער — אַ צען צוועלף אינאיינעם — וועלכע ער האָט אין דער קורצער צייט פּובליקירט אין די „טש. בל." און „די וואָך", באַרעכטיקט די האָפנונג, אַז קובי וואָהל וועט זיין אַ צירונג פון דער יידישער ליטע־ראַטור אין רומעניע. דער גרויזאַמער גורל האָט עס אָבער אַנדערש געוואָלט. צעבראָכן איז געוואָרן די האַרף און איבערגעריסן דאָס ליד, וועלכעס איז געווען אַזוי פיל שווונג און דיכטערישער קראַפט, אַ 24־יעריקן האָבן מיר אים אין אַ טריבן דעצעמבער־טאָג איבער־געענטפערט דער ערד. מיר וועלן אים נישט פאַרגעסן און פון די פאַרבליבענע וויזיעס זיינע און לידער וועט זיין גייסט נישט איינמאָל נאָך גריסן אונדז.

☆

די לוויה איז געווען אַן אימפּאָזאַנטע. הונדערטער אָנגעשטעלטע אַרבעטער און אינטעלעקטועלע האָבן אים באַגלייט צו זיין לעצטער רו. ביים אָפענעם קבר האָבן זיך געזעגנט אין נאָמען פון די „טש.

בלעטער" ח׳ סופר, אין נאָמען פון ייד. שולפּאַראַיין איציק שוואַרץ, פון דער „וואָך"־גרופּע בוקאַרעשט מאָטל סאַקציער, פונעם ייד. בית־יתומים דער פאַרוואַלטער ה׳ רייכמאַן און פון די פּערזענלעכע פריינד קאַזשבער און פריד. די שווערגעפּרוווטע מוטער, וועלכע פאַרלירט אין קובי וואָהל איר פערט קינד, און די יונגע פרוי און שוועסטער וועלן אפשר האָבן אַ קליינעם טרייסט אין זייער גרויסן שמערץ, וויסנדיק, אַז קובי וואָהל איז נישט נאָר פאַר זיי אָפּגעשטאָרבן.
רעפּ.

פון ח׳ מ. סאַקציערס טרויער־וואָרט:

...ער איז אַריבערגעקומען צו אונדז, צו דער יונגער יידישער ליטעראַטור אין רומעניע, פון פרעמדע שליאַכן, ווו ער האָט געטרונקען פון די זויבערסטע קוואַלן — ער איז אַריבערגעקומען צו אונדז מיט זיין קערנדיקן האַרטן וואָרט, האַרט ווי די מאַטעריע וואָס ער האָט געקנאָטן אין זיין דיכטונג, כדי רויטער, בלוטיקער צו פאַרבן און צו דערגענצן אונדזער יונגע נאָך אָנעמישע שרייבער־פּלעיאַדע, וואָס האָט שוין געטראָגן פלאַסט נאָך פלאַסט זייער, אין כמות באַשיידענעם גייסטיקן צושטייער צום יידישן קולטור־בנין. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן נישט נאָר מיט טאַלאַנט, נאָר אויך מיט יונגן אידעאַליזם, כדי ווייטער וועבן די קולטור־טראַדיציע וואָס דער עלטערער דור שרייבער — אונדזערע חברים און וועג־ווייזער — האָבן אָנגעהויבן מיט אַזויפיל מסירות־נפש, און ער האָט מיטגעהאָלפן קאָנסאָלידירן אונדזער יונג־יידישע קולטור אין אַ צייט ווען דער אָנגריף קעגן איר איז געוואָרן האַפערדיקער מער ווי אַלעמאָל און אירע שעפער און טרעגער ווערן גייסטיק און עקאָנאָמיש אויף שריט און טריט געלינטשט.

דערפאַר איז ער אונדז ליב געווען, קובי — ווייל אין זיין קער־

פער, אין וועלכן דער טויט האָט אָן אויפהער גענאָגט, אונטערגע־מינעוועט זיין חיות — וועגן וואָס מיר האָבן פריער קיינער נישט געוווּסט — האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אַ געזונטער גייסט, האָט זיך אויפגעהאַלטן יוגנטלעכער אָפּטימיזם און דער עיקר: כאַראַקטער, אין וואָס ס'איז אַזאַ מאַנגל ביי אונדזער ליטעראַרישן נאָכוווּקס.

ווייל יונג איז ער געווען נישט נאָר אין די יאָרן, נאָר אויך אין טעמפּעראַמענט, אין שוווּנג, אין אידעען. און ער האָט שוין קלאָר געוווּסט — ווי מיר אַלע ווייסן עס שוין — אין וואָס זיין דיכטערישע מיסיע באַשטייט. און דערפאַר די זיכערקייט מיט וועלכער ער האָט געשפּאַנט, די ציל־באַוווּסטקייט, דערפאַר זיין איינגעשפּאַרטקייט פון אַ קנאַי ביים קלעטערן צו אַ געזונטער פּראָלעטאַרישער דיכטונג.

✩

ערשט ביסטו געווען די שטאָלצע שיף און איך — דיין מדריך, האָב צוגעקוקט פון ווייטן ווי לייכט און שנעל דו שניידסט זיך אַדורך אַ וועג צום ברייטן אָפענעם ים...

און היינט ליגסטו אַ באַזיגטער און איך זע דיין הויכן מאַסטבוים פאַרזינקען אין אָפּגרונט. מיין שטאָלצער 24־יעריקער קובי וואָהל!

ערשט נעכטן איז אָט דער נאָמען געווען אַ פרעמדער באַגריף, טויטע צוויי ווערטער, און היינט, נאָך איין יאָר, נאָך קוים פאַרעפנט־לעכטע צען צוועלף לידער אין יידיש, וועלן אומצאָליקע לייענער אויפגעציטערט ווערן הערנדיק וועגן זיין טויט.

ווייל זיין ליד האָט איינגעשלאָגן ווי אַ דונער, ווייל זיין יעדעס וואָרט איז געווען ווי אַ געברום פון אַ פאַרוווּנדעטן יונגן לייב, און מען האָט אים געמוזט דערהערן. און ס'האָבן אים אויך געמוזט דערפילן די אַלע, וועמענס ווייטיק ער האָט אויסגעשריגן, ביז דער טויט האָט דערשטיקט זיין געשריי און פאַרמאַכט די אויגן, וואָס האָבן געברענט פון פּראָטעסט, געלויכטן מיט אַזויפיל גלויבן און האָפענונג ביזן לעצטן אָטעם־צי.

אַצינד, ווען ס'ווייעט נאָך אויף מיר דיין לעבעדיקער אָטעם, קען

איך נישט, קען איך נאָך נישט צייכענען דיין גייסטיקן פּאָרטרעט, מיין יונגער ליבסטער חבר. אַצינד ביסטו אַ טייל פון מיינע חרוב־געוואָרענע האָפנונגען און איך שטיי אויף דער זייט ברעג ווי אַ באַליידיקטער.

אָן אַ טרייסט.

י. פּאַנער

☆

אַוועק פון אונדז איינער פון אונדזער יונגער גוואַרדיע, אויפ־געריסן געוואָרן פון צווישן אונדז איינער פון די בעסטע האָפנונגען פון דעם יונגן יידישן דיכטער־דור אין רומעניע.

זיין לאַנגער, מאָגערער גוף האָט שוין לאַנג געטראָגן אין זיך דעם סם־המוות. פאַרצווייפלט האָט ער זיך געראַנגלט מיטן טויט, ווי אונדזער דור ראַנגלט זיך מיטן לעבן, און... איז באַזיגט געוואָרן.

אויפן טויטן בעט ליגט ער פאַרקרעמפט, אַ באַזיגטער אינעם קאַמף פאַר זיין יונג, 24־יעריקן לעבן, פאַר אויספולן זיין דיכטערישע מיסיע.

נאַיוו און ערלעך, אויפריכטיק, עכט איז געווען זיין פּראָלעטאַריש ליד.

דער שטומער שליח, איינגעהילט אין גרויע שלייערן, האָט אים גערופן און... „אַז מע רופט מוז מען גיין"...

ער איז געווען ביי זיינע ערשטע, געלונגענע שריט.

שטומע און בעל־כרחו רעזיגנירטע, שטייען מיר פאַר זיין פרישן קבר. מיר געבן זיך נישט אונטער.

איציק שוואַרץ

☆

ערשט האָט ער ווי אַן עלטערער חבר מיך געטרייסט, ערשט האָט ער אַן אָנגעזאָפּטער מיט האָפנונגען געחלומט וועגן נייע שאַ־פונגס־פּלענער און פּלוצעם אויסגעלאָשן איז געוואָרן דער שטערן. ווי גרויס איז דער שמערץ פאַר זיינע נאָענטע און ווי ווייטיקפול איז

זיין טויט פֿאַר מיר פֿאַרלירנדיק אין אים איינעם פֿון מיינע בעסטע חברים.

יוסף בורג

„...שטייסט אַלץ נאָך אַלץ
אין האַרטן יאָך
און קומסט נישט מיט
מיט אונדזער טריט
צום קאַמף, צור שלאַכט
וואָס מאַכט דיך פֿריי
פֿון הונגערס מאַכט.
פּראָלעט, פּראָלעט.
ס׳איז באַלד צו שפּעט,
דער ווייזער גייט
טיק־טאַק, טיק טאַק...
(קובי וואָהל)

ער איז געווען דער טאַלאַנטירטסטער און צוזאָגנדיקסטער דיכטער־בונטאַר פֿון „יונג־רומעניע״. אפילו נישט קיין גאַנצע צוויי יאָר, זינט ער האָט זיך אָפּגעקערט פֿון דער דייטשער פּאָעזיע און אַריבערגעקומען צו אונדזער יונג־יידישער פּראָלעט־דיכטונג אין רומעניע. ס׳איז געווען גענוג צייט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל אין אים דערקענען זייערס אַ מוטיקן קעמפֿער און מדריך. אין דעם קאַרגן צענדלינג לידער, וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין משך פֿון די צוויי יאָר אין דער היימישער ליטעראַרישער פּרעסע, האָט ער אומאויפֿהער־לעך עקשנותדיק געוועקט דעם באַוווסטזיין און דעם מוט ביים פּראָ־לעטאַריאַט, כדי וואָס גיכער זיך צו באַפֿרייען פֿון „הונגערס מאַכט״, ווייל — „ס׳איז באַלד צו שפּעט״...

זיין וויזע האָט אים נישט אָפּגענאַרט. ער האָט דעם קאַמף געמוזט איבעררייסן. ס׳האָט אַ פּאַכע געטאָן דער טויט מיט די שוואַרצע פֿליגל און אים צוגענומען פֿון די לעבעדיקע.

אַ שווערע און טיפֿע אבידה.

ער איז געווען דער שענסטער כאַראַקטער, דער אויפֿריכטיקס־טער און האַרציקסטער.

אַזאַ איינעם, ווי קובי וואָהל, קענען טויזנט טויטן נישט אויסגראָבן פֿון אונדזערע הערצער!

י. ד. איזראָעל
אויפֿגאַנג, נומ. 31—32, 1935, ז׳ 12

קאָנדאָלענצן

אַרויסגעריסן געוואָרן איינער פון די יונגע רייען. ס׳האָט זיך אַ וואָקל געטאָן דער בנין „יונג־רומעניע״! איינער פון אירע מיטל־זיילן איז געפאַלן. נישטאָ מער קובי וואָהל.

„לאָמיר בייגן די פאָנען טיפער טיפער צום ערד!
טויט האָט ווידער צעשטערט פליגל צעשפרייטע פון גלויבן״...

ער איז געווען יונג קוים דערגרייכט די 24 יאָר. אָבער שוין האָט זיך אַרויסגעהערט זיין ערנסטער טאָן און זיינע בונטאַרישע לידער דורכגעוועבטע מיט סאָציאַלן פּראָטעסט.

פאַר זיין פרישן אָפענעם קבר שטייען מיר מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ צוזאַמען מיט דער גאַנצער יונגער יידישער שרייבער־משפחה פון רומעניע.

יאָסל לערנער
מ. ברייטמאַן
יוסף טראַכטנבערג

יידישע קולטור־ליגע בעלץ

אַ גרופּע מיטגלידער און סימפּאַטיקער דריקן אויס זייער מיטגעפיל דער פאַמיליע וואָהל־וויסמאַן צו זייער שווערער אבידה.

דער בעלצער פּראָפ. פאַריין „סאָלידאַריטעט״ באַטייליקט זיך אינעם צער נאָך דעם יונגן האָפנונגספולן שרייבער ק ו ב י ו ו אָ ה ל.

דער נאָוואָסעליצער אַרבעטער־ספּאָרט־קלוב און ביבליאָטעק נעמען אָנטייל אינעם טרויער נאָכן יונגן, טאַלאַנטפולן שרייבער ק ו ב י ו ו אָ ה ל.

טשערנאָוויצער בלעטער, נומ. 236 — 13.1.1936

צום ערשטן יאָרצייט פון קובי וואָהל

שיין, יונג און שטאָלץ איז ער געקומען צו אונדז. פול גלויבן און האָפענונג. זיינע לידער זענען געווען פול סאָציאַלן פּאַטאָס און רעוואָלט, דורכדרינגען פון טיפער מענטשלעכקייט. „הונגער", „אַס־פאַלט", „האָריאַ", „מאַסנקברים" — שטאַרקע טענער. ער האָט ערשט אָנגעהויבן שרייבן פאַר אונדז. פון דייטש האָט אים י. פאַנער איבערגעפירט צו דער יידישער ליטעראַטור. נאָר נישט געווען באַשערט ער זאָל זיך אויסלעבן. פיר חדשים געווען קראַנק, זיך געראַנגלט מיטן געפערלעכסטן שליח פון טויט, און אונטערלעגן. שטיל האָט ער געליטן, צו קיינעם נישט געהאַט קיין טענות, געשלונגען די פילולן און מעדיקאַמענטן, און נאָר די אויגן זענען געוואָרן אַלץ מער פול ליידן און יאוש.

אויף זיין לעצטן וועג איז ער באַגלייט געוואָרן פון אַלע וואָס האָבן אים געקאַנט און זיין נאָמען געהערט. עס איז געווען די אימפּאָזאַנטסטע לויה, וועלכע טשערנאָוויץ האָט געזען: טויזנטער אַרבעטער, די אינטעליגענץ, זיי האָבן זיך פאַרבויגן פאַרן יונגן קובי וואָהל, דעם באַשיידענעם שטילן לערער פון בית־יתומים, דעם פון טובערקולאָז פאַרשניטענעם יונגן דיכטער.

יאַשאַ קראַס

טשערנאָוויצער בלעטער, נומ. 267 — 31.12.1937

☆

שבת דעם 12־טן איז אין „איקוף" פאַרגעקומען אַן אַזכרה נאָכן דיכטער קובי וואָהל, נאָך וועמעס טויט — אין עלטער פון 24 יאָר — ס'איז געוואָרן צען יאָר.

משה לאַקס, דער פאָרזיצער פונעם „איקוף", האָט אָפּגעמערקט דאָס פּלאַץ, וואָס קובי וואָהל, האָט פאַרנומען אין דער יונגער יידי־שער דיכטונג אין רומעניע.

אורי בן הדור, האָט פאַרגעשטעלט דעם אידעיש־פּאָליטישן וועג

וואָס דער דיכטער האָט דורכגעמאַכט ביז ער איז געקומען צו דער רעוואָלוציאָנערער דיכטונג, קלאַסיש אין דער פאָרם, וואָס איז גע־ווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אים.

י. דובאָוויס, האָט אָנגעוויזן אויפן פּאָליטיש־סאָציאַלן מאָמענט, אין וועלכן דער דיכטער האָט געשאַפן. וואַרעמע און רירנדיקע זכרונות, דורכגעדרינגענע מיט אַ קערנדיקן אַנאַליז פון דער קובי וואָהלישער יצירה, האָט אויסגעשפּינען דער דיכטער אַלפרעד שפּערבער.

פרוי בעאַטאַ פרעדאַנאָוו האָט פאַר דעם מייסטערישן רעצי־טירן קובי וואָהלס אַ ליד פון איר פּריוואַטן אַרכיוו, געזאָגט אַ קורץ און דערשיטערנדיק דערמאָנונגס־וואָרט וועגן דיכטער.

מאַלווינאַ כהן האָט מיט טיף פאַרשטענדעניש פאַרגעלייענט אַן עמאָציאָנירנדיק ליד פון זיין באַרוף־חבר יעקב פרידמאַן, געווידמעט דעם געפייערטן דיכטער.

די אַזכרה האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ וואָרט פון יוליאַן שוואַרץ, וועלכער האָט אויך איבערגעלייענט קובי וואָהלס אַ ליד אין דער איבערזעצונג פון י. פּאַנער.

1945, בוקאַרעשט (פון רומעניש)

צענטער יאָרצייט נאָך קובי וואָהל

צען יאָר זענען פאַרביי זינט דעם טויט פון דעם פיל־צוזאָגנדיקן דיכטער־קעמפער קובי וואָהל, אין טשערנאָוויץ.

געבוירן דעם 31־טן אויגוסט 1911 אין קימפּולונג־בוקאָווינע, איז ער געשטאָרבן דעם 27־טן דעצעמבער 1935 אין טשערנאָוויץ. זיינע פריינד רופן אַרויס מיט געפיל דעם אָנדענק פון דעם דאָזיקן זינגער, אין וועמעס לידער סע פלאַטערט יוגנט, קאַמף אַ מוטיקע שטעלונג, אין אָנבליק פון דער שינאה וואָס האָט דעמאָלט פאַר־טראָנקען די וועלט. אין דעם דאָזיקן מאָמענט צאַפּלט ביי מיר אויף די ליפּן פאָלגנדיקע סטראָפן פון זיין ליד געשריבן אין דייטש, די

שפּראַך אין וועלכער ער האָט געשריבן דעם גרעסטן טייל פון זיינע לידער.

אונדזערע העלדן שמידט מען אין קייטן
און זייער לעבן ענדיקן זיי ביי דער וואַנט ;
מיט דעם וואָרט „פרייהייט״ אויף די ליפּן
קייקלען זיך אַראָפּ זייערע קעפּ אין זאַמד.

ער האָט געשריבן אין יידיש לידער און צוויי דראַמעס : „דער הויקער״ און „דער בעל־תשובה״. אַ דראַמע אויך אין דייטש : „דער גאָטעסנאַר״.

יוליאַן שוואַרץ

☆

דעם 8־טן נאָוועמבער 1978 איז אין בית לייוויק פאָרגעקומען אַ געדענק־אָוונט, געווידמעט דעם בוקאָווינער דיכטער קובי וואָהל און זיינע פיל צוזאַגנדיקע און טאַלענטירטע שאַפונגען.

הגם קובי איז אַלט געווען 24 יאָר איבערגאָר בשעת ער האָט פאַרלאָזט דאָס לעבן איז געבליבן נאָך אים אַ ווערטפולער פּאָעטישער עזבון, פון אַן אומאויסלעשלעכן איינדרוק וואָס דויערט איבער צייטן.

וועגן דער פּערזענלעכקייט פונעם דיכטער האָבן גערעדט יצחק פּאַנער, וואָהלס מדריך און איבערזעצער אין יידיש, אליעזר פּאָדריאַטשיק, דעם דיכטערס שוועסטער קלאַראַ וואָהל, מאָטל סאַקציער, חיים ראָבינזאָן. לייבו לעווין האָט געלייענט אייניקע לידער. ווערא האַקען האָט געלייענט דייטשישע לידער פונעם דיכטערס עזבון.

אין אַ פולער שטילקייט האָט געהערט דאָס פּובליקום די פאָרטראָגן פון אַ הויכן ניוואָ און האָט וואַרעם אַפּלאָדירט די רעציטאַטאָרס.

דייטש

קובי וואָהל

אין אונדזער פאַריקן נומער האָבן מיר פאַרעפנטלעכט אַ ליד „דער הונגער„ פון קובי וואָהל, וואָס האָט אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינעם אינטערעס נישט נאָר אין די קרייזן פון אונדזערע לאַנדלייט. די רעדאַקציע האָט מען געשטורעמט מיט פראַגן ווער ס'איז קובי וואָהל. דאָ געבן מיר דעם ענטפער: געבוירן אין קימפּולונג, דעם 31־טן אויגוסט 1911, איז דעם 27 דעצעמבער 1935 — אין עלטער פון 24 יאָר, פריצייטיק אויסגעלאָשן געוואָרן זיין גרויסער ליריש־דראַמאַטישער טאַלענט.

קובי וואָהל איז געווען אַ דיכטער פאַר פרייהייט און בשורה־טראָגער פון אַ בעסערער וועלט פאַר אַלע אונטערדריקטע. ער האָט זיינע לידער געשריבן מער אין דייטש, אַ סך אין יידיש און אויך דראַמאַטישע ווערק.

אין טיפן צער האָבן דעם פאַרשטאָרבענעם באַגלייט די פיל צאָליקע לייענער און פריינד. אַ סך קומט אָפּט אין זכרון קובי וואָהלס פערזן:

„אונדזערע העלדן שמידט מען אין קייטן,
און זייער לעבן ענדיקט זיך ביי דער וואַנט ;
מיט דעם וואָרט „פרייהייט" אויף די ליפּן
קייקלען זיך אַראָפּ זייערע קעפּ אין זאַמד".

די שטימע (דייטש) מערץ 1955

יידישער קולטור פֿאַרבאַנד

שבת 12 יאַנואר 6 אַ זייגער נ. מ.

וועט פֿאָרקומען אין לאָקאַל פֿון אונדזער אָרגאַניזאַציע
קאַלעאַ וואַקאַרעשט נומ. 29 ערשטער עטאַזש

10־טער יאָרצייט
פֿונעם דיכטער

קובי וואהל

דער שרייבער אורי בענאדאר

י. דובאוויס און אלפרעד שפערבער

דיכטער יעקב פרידמאַן

רעציטאַציע: מאלווינא קאהן

און יוליאן שוואַרץ

אַריינגאַנג פריי

מיטוואָך, דעם 8־טן נאָוועמבער 1978, 8.30 אָוונט

וועט פאָרקומען אין „לייוויק־הויז", תל־אביב, רח' דב הוז 30

אַן אָוונט געווידמעט דעם אָנדענק פון דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם דיכטער

קובי וואהל

עס באַטייליקן זיך לויט א"ב:

ווערא האַקען

קלאַרא וואָהל — די שוועסטער פונעם דיכטער

לייבו לעווין

מאָטל סאַקציער

יצחק פאַנער

פאָרזיצער — **לייזער פאָדריאַטשיק**

אַריינגאַנג פריי.

XI

ARBEITSLOS.

Wenn Vater müd und abgehetzt
mit schwerem Schritt
geduckt wie ein Geschlagener
spät abends heimkommt
erwartet ihn aus Mutti's Augen
ein von der Angst getragener
und fragevoller Blick...
Und wenn er dan zu Tisch sich setzt
sein Haupt auf beiden Händen stützt
und kalt, mit toten Augen vor sich stiert,
seufzt Mutti sehr laut auf
und schaut zur Erde...
Dann greifen ihre Hände, wie beschäftigt,
nach Hausgeräten, denn sie fürchtet,
dass er ihr bleich Gesicht bemerken werde...
Ich steh beiseite, stumm, voll Angst,
versteh nicht was geschah
und hör' den Vater murmeln:
‚S'ist keine Arbeit da!"

schweigend auf dem Pflaster einher,
rechts und links locken Schaufenster
die so hell und wunderbar!
Bleib ich stehen, schau und schaue
hier... die Handschuh...! dort... die blaue
warme Jacke... ach... die Mütze!!
Doch ein Fenster sperrt den Weg mir...
ich erwach wie aus einem Traum
...und erinnere mich... die Zeitung...
fühl die Kälte wieder beissen
und den Wind im Angesicht...
Geht ein Kind an mir vorüber
das so schöne Kleider hat,
reisst sich etwas in der Seele.
Tränen sticken mir die Kehle,
wend' ich mich und schrei noch lauter:
„A...allgemeine! Mo...orgenblat!!!“

X

EIN ZEITUNGSJUNGE.

"A...allgemeine! Mo...orgenblatt!"
ruf ich täglich durch die Strassen
die der Frost umklammert hat
und ich renne ohne Ruhe...
doch die ganz zerrissenen Schuhe,
sind zu gross, ich stolpere öfters...
und das wilde Tramgeläute,
Autohupen, Peitschenknallen,
greift nach meinem schwachen Schrei
reisst ihn mitleidlos entzwei...
Auf den Kopf eine durchlochte,
alte graue Rodelmütze;
einen halb-zerfetzten Mantel
nur auf einen Knopf geschlossen
— denn die anderen sind längst weg —
steh ich so, muss immer wieder
zitternd und oftmals hungrig
Zeitung anbieten und schrein;
man kauft selten: Oh, die Menschen
sind so gross... und ich so klein!
Meine Hände, blau, gesprungen,
mein Gesicht von Kälte rot
und ich huste oft so heftig;
sagt mir Mutter: „Bist erkältet",
doch bald darauf: „man braucht ja Brot!"
Manchmal werd ich müd und gehe

die Mutter senkt verloren ihren Blick
und spricht ganz leis':
„S'ist wahr, er ist im Kerker, Kind,
und doch ist er ein Held!
Wenn einmal Fackeln in der Nacht erglühn
und rote Fahnen durch die Strassen ziehn
dann kehrt dein Vater wiedr heim, mein Kind!!"

IX

WO IST VATER...??

„Wie kommt das, Mutter, ich versteh das nicht;
du sagst doch immer, wenn ich frage,
wer denn mein Vater sei, warum ich ihn noch nie gesehen,
er sei ein Held.
Doch heute rief mir Pauli zu
mein Vater sei ein Bombenwerfer
und sässe im Kerker.
Sag, Mutter, ist das wahr?
Wie, sperrt man Helden in den Kerker?
Oh, wie beschämt muss ich zur Seite stehn
wenn andre Kinder Sonntag durch die Strassen gehn
so an der Hand geführt von ihren Vätern;
bei jedem Schaufenster wird stehngeblieben
